פינפצנטער יאָרגאַנג
№ 7 Nakład opłacony. Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשען • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Biblj. Jagiellońska Kraków

Piątek 14 lutego 1936 — ליכט-צינדען 4.32 — פרייטאָג, פ' יתרו כ"א שבט תרצ"ו

אונזער ג' מיטאַרבייטער ה' **משה קרעמסקי** אין פאַריז
צו זיין חתונה מיט פרל. **רענאַ כמיעלניצקאַ**
א הארציגען מזל-טוב
רעדאַקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג".

צו דער חתונה פון ה' **משה קרעמסקי**
מיט פרל. **רענאַ כמיעלניצקאַ** אין פאַריז
ווינשען אייביגע גליקליכע צופרידענהייט
פאַמיליע ב. באַטשאַן.

מיין יוגענד-פריינד און חבר **משה קרעמסקי**
צו זיין חתונה דעם הארציגסטען מזל-טוב
שמואל פראַנק.

Z okazji zaślubin kuzyna naszego
MIECZYSŁAWA KREMSKIEGO z p. RENĄ CHMIELNICKĄ
życzymy dużo szczęścia i zadowolenia
A. GLATTEROWA z RODZINĄ

Z intencji zaślubin p. MIECZYSŁAWA KREMSKIEGO z p. RENĄ CHMIELNICKĄ w Paryżu życzą wiele szczęścia i pomyślnej przyszłości.
MARKUS GELBER z ŻONĄ.

הננו בזה לברך ברכת מז"ט את כ' מחותגנו מו"ה ר' **משה** שו"ב נ"י **זנדר** ורעיתו
תחי' לרגלי ארושי פנם הב' **דוד** יחי' עם בת ר' **חיים בעריש** נ"י **שטאהל**
יזכו לרוות מהם רוב נחת ועונג עדי עד
אהרן וולודובסקי וב"ב.

אחולי מזל-טוב לבבים אנו שולחים לחברנו חבר הועד מר **משה אש**
לרגלי אירושי בנו **שמשון** עם מרת **רוזשקה זלבר**
הועד תנועת „אחדות ישראל", בצנסטוכובה

בעקאַנטמאַכונג.

מיר מאַכען בעקאַנט, דאס מיר בעזיצען נישט מעהר אויף טשענסטאָכאָוו קיין פערטרעטער און מיר בעטען די געעהרטע קונדשאַפט צו ווענדען זיך דירעקט צו אונז אין פאַבריק, וואו זיי וועלען ווערען רעיעל, סאָליד און פונקטליך בעהאַנדעלט.

טשענסטאָכאָווער ליכט - פאַבריק
„זביטשי ש. פייגע און זיהן
טעלעפאָן № 24-11

Głęboko wzruszeni przedwczesną śmiercią
b.p. RENI KANTORÓWNY
wyrażamy **Matce i Siostrze** nasze najszczersze współczucie
Personel Firmy „Metros" S. A.
w Częstochowie.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטגליד
אליעזר גראדאָן ווי אויך אונזער השוב'ן הויז-ווירט ר' **מרדכי גראדאָן**
און **פאַמיליע** צוליעב דעם טויט פון זייער מוטער און פרוי,
נ"ע **קלעריל לאה**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
די גבאים און מתפללים
פון דער חברה **„אגודת אחים"**, אלעע 9.

ANNA GRANKÓWNA — EJBI WINTER
Częstochowa — **ZARĘCZENI** — w lutym 1936 r.

אונזער סטאַרשי ח' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב. דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט ווינשט
דער ערשטער יודישער שניידער-צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

אונזערע פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**, צו דער תנאים פון זייער
טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער** א הארציגען מזל-טוב.
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט ווינשט
יוסף פרייערמויער און פאַמיליע.

מיין פריינד **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב. דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט ווינשט
יצחק שמעון ניימאַן.

פיעל גליק ווינשען מיר דער פרייליין **אננאַ גראַנעק** צו איהר תנאים
מיט ה' **אברהם ווינטער.** די עלטערן – א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת.
פאַמיליע נוסבוים.

צו דער תנאים פון פרל. **אננאַ גראַנעק** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט, די עלטערן פיעל נחת ווינשען
אברהם באָרושיקאָווסקי און פרוי.

אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער ליעבע טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מז"ט און פיעל נחת, דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט, ווינשען
געברידער לאַסטמאַן און פאַמיליע.

צו דער תנאים פון פרל. **אננאַ גראַנעק** מיט ה' **עבי ווינטער**
ווינשט א הערצליבען מזל-טוב
Wytw. Perfum i Kosmetyków
„NORIS" sp. z o. o.
w Częstochowie.

מיין פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת
דניאל דזיאַלאָוויטש און פרוי

Z intencji zaręczyn p. ANKI GRANKÓWNY
z p. EJBI WINTEREM
życzą dużo szczęścia i zadowolenia
Jakóbowie Najmark z Rodziną

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק**
און **פרוי** צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט ווינשען
ישראל באַרקאָווסקי און פרוי

אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב, דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט ווינשען
יוסף גרין און פרוי

א הארציגען מז"ט ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
אברהם גרינבערג און פרוי

Z intencji zaręczyn p. ANNY GRANKÓWNY z p. EJBI WINTEREM składają życzenia pomyślnej przyszłości.
SALOMONOWIE MAUER.

פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער.**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
ישראל יעקב האַלענדער און פרוי.

אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער ליעבע טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מז"ט און פיעל נחת, דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט, ווינשט
וואָלף טיפענבערג און פרוי.

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק**
און **פרוי** צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט.
מיכאל איירעלמאַן און פרוי.

אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליד ח' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
ווינשען דעם הארציגסטען מזל-טוב
די פערוואַלטונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד
אָבט. אין טשענסטאָכאָוו

צו דער תנאים פון פרל. **אננאַ גראַנעק** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט, די עלטערן פיעל נחת, ווינשען
דאס פערסאָנאַל פון דער פירמע ש. גראַנעק
יאַזשאַמבעק, פאָליוואָדע, גאָרסעט און ווינדמאַן.

צו דער תנאים פון מיין קוזינקע **אננאַ גראַנעק** מיט ה' **אברהם ווינטער**
די הארציגסטע ברכות און א בליהענדע צוקונפט, די עלטערן פיעל נחת, ווינשט
פנחס רעמבאַק.

פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער.**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
מאיר סטאָווסקי און פרוי

אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי** צו דער תנאים פון זייער
טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער** א הארציגען מזל-טוב.
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
מרדכי אָרטמאַן און פרוי

מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט
ישראל דאַנציגער און פרוי.

צו דער תנאים פון פרל. **אננאַ גראַנעק** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט, די עלטערן פיעל נחת, ווינשען
שמואל געלבהויער און פרוי

מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר דער פרל. **אננאַ גראַנעק** צו איהר
תנאים מיט ה' **אברהם ווינטער.** די עלטערן – פיעל נחת.
פנחס איינהאָרן און פרוי.

אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי** צו דער תנאים פון זייער
טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער** א הארציגען מזל-טוב.
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט ווינשען
מאיר פייגענבלאַט און פרוי

מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק**
און **פרוי** צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט
אבא פיליכאָווסקי און פרוי

אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
דעם הערצליכסטען מזל-טוב און דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט ווינשען
יוסל זאָבערמאַן און פרוי

אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב, דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט, ווינשען
שמואל קאַץ און פרוי

דעם ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער**
א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת ווינשען
עזריאל פושעראָווסקי און פרוי

א הארציגען מז"ט ווינשען מיר אונזער פריינד ה' **ישעיהו גראַנעק** און **פרוי**
צו דער תנאים פון זייער טאָכטער **אננאַ** מיט ה' **אברהם ווינטער.**
דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט.
לייביל בראַנדלעוויטש, פרוי און פאַמיליע.

מזל-טוב און אלדאס גוטס ווינשען מיר דער פרל. **אננאַ גראַנעק** צו איהר
תנאים מיט ה' **אברהם ווינטער.** די עלטערן – פיעל נחת.
אייזיק אַבראַמאָוויטש און פרוי.

מז"ט ווינשען מיר דער **פאַמיליע גראַנעק** צו דער תנאים פון זייער טאָכטער
אננאַ מיט ה' **אברהם ווינטער.** דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.
זיסער לאַנגנער און פרוי

מז"ט דער פרל. **אננאַ גראַנעק** צו איהר תנאים מיט ה' **אברהם ווינטער**
די עלטערן פיעל נחת ווינשען
אבא ווינער און פרוי

די אלע, וועלכע האָבען אנטיילגענומען אין דער לויה פון אונזער הייסגעליבטער פ ר ו י און מ ו ט ע ר
נ"ע הלעריל לאה גראדאָן
וועלכע איז פאָרגעקומען זונטאג, ד. 9 פעברואר 1936 י. (ט"ז לחודש שבט תרצ"ו) דריקען אויס דעם טיפסטען דאנק
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
מאַן, זיהן, טעכטער, איידעמס, שנורען, אייניקלעך, שוועסטערן און פאַמיליע.

אונזער אבוועהר-קאמף

אין א צייט, ווען די אנטיסעמיטישע כוואליע האט זיך פונאנדערגעפלאקערט, ווען די ענדעקעס אין פוילען טהוען אלץ, כדי אונז יודען צו פערביטערן דאס לעבען, איז פלוצלינג ארויסגעשפרינגען א נייע צרה—מען וויל פער-ווערען די יודישע שחיטה.

ווען אין א רייהע שטאדט-ראטען אין פוילען, דערונטער אויך אין אונזער שטאדט - ראט, האבען די ענדעקעס אריינגעטראגען פארשלאגען וועגען פערווערען די יודישע שחיטה, האבען מיר געמיינט, אז דאס איז פון זיי אזא מאנעוור געגען יודען. ליידער אבער האט דער דאזיגער ענין אויך אנגעשפאדט אזש אין דער העכסטער געזעצגעבערישער אינסטיטוציע — אין סיים, און פון דארט וויל מען ארויס-טראגען דעם פסק-דין, אז די ריטועלע יודישע שחיטה, וואס איז איינע פון די עיקרים פון יודישען דת, זאל אבגע-שאפט ווערען.

מיר האבען נישט איצט בדעה אנצו-ווייזען, אז די פראיעקט-געבער זענען נישט אויסען חס ושלום צו בעשיצען די בהמות פון א בארבארישען טויט— דאס ווילען מסתמא שוין אויפווייזען די מאסגעבענדע יודישע פערזענליכקייטען, וועלכע זענען דערצו בערופען. מיר ווילען אבער נאר איין זאך דערמאנען און אפעלירען צו דער יודישער גע-זעלשאפט, אז ארום אונז שאפט זיך אלץ אן'ענגערער רייף, וואס וויל אונז איינצוימען, דעפרימירען, און אונזער אויפגאבע דארף זיין אין דעם איצטי-גען אזוי שווערען מאמענט פאר'ן יו-דענטום אין פוילען—א שטארקע קאנ-סילידאציע פון די כחות. עס מוזען איצט פערשוואונדען ווערען די אלע חלוקי-דעות פון פארטייען און קרייזלעך, ווייל אלע, אלע, דער גאנצער יודישער קבוץ אין פוילען איז בעדראהט נישט נאר אין אלע זיינע נאציאנאלע רעכט, נאר אויך אין זיינע רעליגיעזע הצטרכות'ן. עס איז נישט איצט די צייט פון צעשפליטערונג אין דער איי-גענער מחנה, ווייל מיר מוזען געמיינ-זאם, אקסעל ביי אקסעל, לאגיש און זאכליך אבווארפען די דאזיגע גזירה.

פון איין זייט ווילען די היימישע אנטיסעמיטען הרוב מאכען אונזערע עקאנאמישע פאזיציעס; פון דער צווי-טער זייט וויל מען אויך טרעפען אין די רעליגיעזע געפיהלען, מוזען מיר דעריבער מיט פעראייניגטע כחות פיה-רען דעם אבוועהר קאמף.

ש.

דער בעזוך פון הרב זאב גאלד אין טשענסטאכאוו.

דינסטאג מיטאג איז געקומען אין אונזער שטאדט דער פרעזעס פון אל-וועלטליכען „מזרחי“ הרב זאב גאלד פון ירושלים, וועלכער ווײלט זינט עט-ליכע וואכען אין פוילען אין צוזאמענ-האנג מיט דער קרן-היסוד-אקציע.

אויפ'ן באהנהויף האבען דעם חשוב'ן גאסט מקבל פנים געווען דער גאנצער ועד פון היעגען „מזרחי“, אויך דעלע-גאציעס פון אלע היעגע ציוניסטישע גרופירונגען, קרן-היסוד, קרן-קימת א.א.

אין אווענד איז פארגעקומען אין דער נייער שוהל דער רעפעראט פון הרב גאלד. און טראץ דער גרויסער פראסט און וואס אין דער שוהל איז געווען קאלט, האט זיך פארט פערזא-מעלט א געגוג גרויסער עולם, צווישען וועלכע ס'זענען געווען א סך חסידישע יודען.

קאנטאר ה' פינקעלשטיין האט גע-מאכט א הזכרה נאכ'ן גרויסען גאון הרב קוק ז"ל, וואס אלע האבען אויסגעהערט שטעהענדיג. ד"ר הירשבערג האט דעם גאסט בעגריסט אין נאמען פון דער סינאגאגע, און צוליעב דעם וואס דער פרעזעס פון „מזרחי“ ה' קאבלינץ האט נישט גע-קענט קומען, האט ער בעגריסט אויך אין נאמען פון „מזרחי“.

דאן האט הרב גאלד געהאלטען זיין רעפעראט א. ד. ט. „דער אנטייל פון רעליגיעזען יודענטום אין אויפבוי פון ארץ ישראל“. דער רעפעראט איז גע-ווען זעהר אינטערעסאנט, און אדורכ-געפלאכטען מיט מאמרי חז"ל האט דער אונגעהויער טאלאנטפולער רעדנער מיט שארפע ווערטער געטאדעלט דאס רעליגיעזע יודענטום, וואס שטעהט אין א זייט און העלפט נישט מיט דער גרויסער און וויכטיגער אויפבוי-ארבייט אין א"י.

דער גייסטרייכער און זעהר אינטע-רעסאנטער רעפעראט וואס איז אויס-געהערט געווארען מיט דער גרעסטער שפאנונג האט געמאכט אויף דעם עולם א קאלאסאלען רושם,

דער חשוב'ער גאסט האט בעזוכט דעם היעגען רב ר' נחום אש שליט"א און געווײלט ביי איהם א לענגערע צייט, אויך ביים פרעזעס פון היעגען „מזרחי“ ה' קאבלינץ, וועלכער איז נישט ביים גאנצען געזונד. דאן האט דער חבר-הועד און פרעזעס פון קהלה-ראט ה' וועקסלער געמאכט פאר'ן גאסט א מיטאג, וואו עס האט זיך פערזאמעלט א ענגער קרייז פון די היעגע מזרחים און עס איז פארגעקו-מען א געשפרעך מיט'ן חשוב'ן גאסט וועגען פערשידענע אקטועלע פראגען.

בכלל האט דער בעזוך פון הרב גאלד אין אונזער שטאדט איבערגע-לאזט א זעהר אנגענעהמען און דאביי א שטארקען איינדרוק.

נייער קעלצער וויצע-וואיעוואדע.

דער ביז-יעצטיגער קעלצער וויצע-וואיעוואדע ה' וויטקאווסקי האט איבער-גענומען דעם אמט פון פאוויאטאווע סטאראסטע אין בוסק.

לויט'ן דעקרעט פון אינערן-מיניסטער איז אויף זיין ארט אלס קעלצער וויצע-וואיעוואדע געווארען בעשטימט ה' סטע-פאן ביעניעוווסקי.

דעם נייעם וויצע-וואיעוואדע האבען זיך פארגעשטעלט די נאטשעלניקעס פון די אבטיילונגען פון וואיעוואדישען אמט.

ענדערונגען אויפ'ן אמט פון פא-ליציי-קאמענדאנט פון קעלצער וואיעוואדזטווע.

אויפ'ן ארט פון ביז-יעצטיגען וואיע-וואדישען פאליציי-קאמענדאנט אינספ. גראבאווסקי איז געווארען נאמינירט אלס פאליציי-קאמענדאנט פון קעלצער וואיעוואדזטווע אינספ. יאן פיאנטקע-וויטש, איינער פון די פעהיגסטע אפיצי-רען פון דער אויספארשונגס-דיענסט אין פוילען.

נייער ארבייטס-אינספעקטאר אין טשענסטאכאוו.

אין די נאהנטסטע טעג וועט פארקו-מען אנ'ענדערונג אויפ'ן אמט פון אר-בייטס-אינספעקטאר אין טשענסטאכאוו.

דער ביז - יעצטיגער אינספעקטאר אינזש. וואשילעווסקי האט בעקומען די נאמינאציע אייפ'ן אמט פון ארבייטס-אינספעקטאר אין 8-טען אבוואוד פון דער הויפט-שטאדט ווארשא, און אויף זיין ארט אלס ארבייטס-אינספעקטאר אין טשענסטאכאוו, איז געווארען נאמינירט אינזש. קוליטשקאווסקי, אינספעקטאר פון קעלץ.

אינספעקטאר אינזש. וואשילעווסקי איז געווארען נאמינירט קיין טשענסטאכאוו אין פעברואר 1925 י. און אין משך פון די 11 יאהר, וואס ער האט פערבראכט אויפ'ן שווערען און פעראנטווארטליכען פאסטען פון פערמיטלער און אמטליכען שיעדס-ריכטער בעת קאנפליקטען צווי-שען די ברויט-געבער און ארבייטער, האט ער זיך ערווארבען פיעל סימפאטיע און אנערקענונג.

ס'מזל וועט דיך קיינמאל נישט פערפיהרען
ווען דו וועסט קויפען א לאס
אין דער גליקליכער קאלעקטור
J. WEKSLER
ALEJA 6. tel. 11-55.
וואו ס'זענען לעצטענס געפאלען פאלגענדע געווינסען:

1.000.000	אויפ'ן נומער	40875
20.000	„ „	116491
15.000	„ „	69661
15 000	„ „	68620
10.000	„ „	116472
10.000	„ „	147357
10.000	„ „	148532

אויסערדעם איז בעת דער לעצטער 4-טער קלאס פון דער 34-ער לאטעריע אין איין טאג געוויגען געווארען 2 גרעסערע געווינסען:
30,000 זל. אויפ'ן נר. 167420
10,000 זל. אויפ'ן נר. 165757
ווי אויך פיעל קלענערע געווינען.
לאסען צו דער 1 קלאס 35 לאטעריע
איז שוין צו בעקומען אין אונזער קאלעקטור.
קויף זאפארט א לאס! די צייט איז קורץ!
עס קענען נאך אויספעהלען לאסען!

א גראנדיעזע חמשה-עשר-פייערונג אין חדר „חורב“.

פערג. שבת-צו-נאכטס איז אין חדר „חורב“ (בערקא יאסעלעוויטשא 15) פארגעקומען א גראנדיעזע חמשה-עשר-פייערונג, אין צוזאמענהאנג מיט דער אפיציעלער עפענונג פון דעם מאדערן-איינגעארדענטען לאקאל פאר'ן חדר.

צו דער פייערונג זענען געקומען א גרויסע צאהל עלטערן און איינגעלא-דענע געסט.

די פייערונג עפענט ה' אליעזר לאנצ-מאן, דאן האלט א רעדע וועגען די אויפגאבען און ציעלען פון דעם „חורב“-חדר ה' אליעזר יאקובאוויטש.

א גלענצענדען רעפעראט האלט דאן ה' דוד שלמה ערליך, וועלכער לויבט גלייכצייטיג דעם אויפטהו פון די איני-ציאטארען פון „חורב“, א דאנק וועלכע די תלמידים פון דעם אויבענדערמאנטען חדר האבען גרויט תכלית.

דער ליימער פון די וועלטליכע למו-דים ה' וועקשטיין האלט א רעדע אין דער פוילישער שפראך.

די קינדער יצחק יאקובאוויטש און אנדערע רעדען און דעקלאמירען מעגינא דיומא. נאכדעם, ווי קינדער פון אלע 5 אבטיילונגען דעקלאמירען און דער כאר זינגט עטליכע שירים ווערען צו-טיילט פירות לכבוד חמשה-עשר.

די פייערונגג האט אויף אלע אנווע-זענדע געמאכט א זעהר גוטען איינ-דרוק.

דער טראדיציאנעלער פאמיליען-אווענד

פון דער הילפס-קאסע ביים יודישען שניידער-צעך קומט פאר דעם היינטיגען שבת 9 אין אווענד.

עס זענען פארגעזעהען פערשידענע אטראקציעס, א הערליכער ארקעסטער און א זעהר ביליגער בופעט.

צער בעלי-חיים...

קליינער פעליעטאן.

...און אז די וועלט איז געווארען פול מיט זינד, אז דער מענש, וועלכער איז בעשאפען געווארען בצלם אלקים האט געפייניגט דעם צווייטען מענש, וועלכער איז אויך בעשאפען געווארען אין גאטס געשטאלט, איז אויסגעבראכען א מבול, וועלכער האט פערפלייצט די גאנצע וועלט און אבגעמעקט דעם מענש, ווי אויך די חיה פון אויבער-פלאך.

זעהענדיג דעם אומגליק, וואס דער מבול האט אנגעמאכט, האט דער בע-שעפער בעקומען גרויס רחמנות און געשוואוירען מעהר נישט צו ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט — כי יצר לב האדם רע מנעריו — דער מענש איז נישט שולדיג, וואס ער איז שלעכט, שולדיג איז דער ווארים, דער חיה'-שער אינסטינקט, וואס ווערט צוזאמען מיט איהם געבוירען.

נאכ'ן מבול, ווען די מענשען האבען זיך אנגעהויבען צוריק צו מעה-רען, האבען זיי אלע גערעדט איין שפראך און האבען זיך גוט פערשטא-נען. האבען זיי אבער ווידער אנגע-הויבען צו בריקען און געוואלט דער-גרייכען די הימלען, זענען זיי דאך ווערט געווען, אז עס זאל אויף זיי ווידער קומען א מבול, נאר אזוי ווי דאס הארץ פון בעשעפער איז געווען פול מיט רחמנות אויף די נארישע מענשען, האט דער אויבערשטער זיי נעגעבען א קליינע שטראף: ער האט זיי פערמישט די שפראכען, זיי האבען זיך אויפגעהערט צו פערשטעהן און פון דאמאלס אן איז די מענשהייט איינ-געטיילט געווארען אויף פעלקער און פארטייען. יעדע גרופע רעדט אויף אנ'אנדערע שפראך און יעדער מענש לעבט זיך מיט זיין בעזונדערער וועלט. און דער מענש, וויסענדיג, אז קיין מבול וועט שוין נישט פארקומען, טהוט ער פארזעצען די זעלבע עיבדה, וואס זיינע אור-עלטערן האבען גע-טהון נאך פאר'ן מבול — ער וויל פער-ציקען זיין מיט-מענש. און נישט בלויז דער יחיד, נאר אויך פעלקער און מלוכות ווילען אומברענגען איינע די אנדערע, און ווער עס איז שטארקער וויל אונטערטעניג מאכען דעם שווא-כען.

מיט דער צייט, ווען די קולטור איז געווארען דער סימבאל פון דער ציווי-ליזירטער מענשהייט, האט דאס רודפ'ן און אונטערדריקען פון דעם מענשען-מין נישט אויפגעהערט. נישט מעהר — מען האט עס איינגעהילט אין א טלית פון רחמנות, פון צער בעלי-חיים, עס איז געשאפען געווארען א טעאריע, אז דאס רעכט צו לעבען אויף דער וועלט האט נאר דער שטארקער, דאגעגען דער שוואכער מוז אונטערגעהן, ווייל עס איז א רחמנות צוצוקוקן, ווי אזוי דאס שוואכע הילפלאזע בעשעפעניש פייניגט זיך...

די דאזיגע טעאריע איז דער אני-מאמין פון דריטען רייך, און אזוי ווי די יודען זענען די שוואכסטע, ווילען זיי צוליעב רחמנות-וועגען די יודען פערציקען, אומברענגען פון גאט'ס וועלט — דאס איז אזא מין צער בעלי-חיים.

אויך אין סדום האט מען נישט גע-לאזט לעבען דעם ארימאן. עס איז די סדום-לייט געווען א רחמנות צוצוקו-קען, ווי אזוי דער ארימער ליידט און פאר גרויס צער האט מען איהם אב-גערוימט פון דער וועלט.

אין משך פון טויזענדער יאהרען זענען מיר יודען דאס שוואכסטע פאלק אויף דער וועלט און פון גרויס רחמנות רודפ'ן אונז די פעלקער עד חרמה. זייער הארץ ווערט אנגעפולט מיט צער איבער אונזערע ליידען, און כדי איינ-מאל פאר אלעמאל, זיי זאלען נישט דארפען צוקוקען, ווי אזוי מיר פייני-גען זיך, ווילען זיי אונז אויסראטען. א טייל האבען געוואלט, אז מיר זא-לען אויפהערען צו זיין דאס, וואס מיר זענען, מיר זאלען זיך אויסמישען מיט די פעלקער, אזוי אז עס זאל נישט זיין קיין זכר, דאס מיר האבען אמאל עקזיסטירט. אנדערע ווידער האבען געוואלט איינגאנצען להשמיד להרוג — א סוף, אנ'עק זאל עס נעמען, ארויס-געהענדיג פון דער הנחה, אז דאס רעכט צו לעבען האט נאר דער שטאר-קער, דאגעגן דער שוואכער מוז אונ-טערגעהן.

עס איז טאקע נישט צו פערשטעהן, דאס נאך דעם אלעם, וואס די פעלקער בעמיהען זיך צוליעב זייער גרויס רחמנות צום יודישען פאלק עס צו פערניכטען, לעבען מיר פארט און מיר פייניגען זיך ווייטער.

מיר זענען אנ'עם קשה-עורף, מיר ווילען נישט פערשטעהן די פעלקער, אז זיי מיינען אונזער טובה, אז זיי קענען נעבעך נישט צוקוקען אונזערע ליידען און דערפאר ווילען זיי אונז פון די צרות אויסלייזען. מיר האלטען זיך פעסט און ווילען נישט אונטער-געהן...

לעצטענס האט מען ווידער אנגעהוי-בען אנ'אקציע געגען דעם שוואכען נעבעכדיגען פאלק, דעם סיגנאל האט געגעבען דאס דריטע רייך, און נאך דעם ביישפיעל געהן נאך אנדערע. זיי קאנען נישט צוקוקען, ווי אזוי א יוד, אנ'ארימער הענדלער קריכט אין די דערפער, כדי צו פערדינען א גראשען אויף דער ביטערער חיונה; ווי אזוי מארק-הענדלער ווערען פערשווארצט ווינטער פאר קעלט, זומער אין די היי-צען און שלעפען זיך מיילען-ווייט מיט'ן ביסעל סחורה אויף די ירידים, כדי צו דערהאלטען דעם שוואכען גוף און דאס לעבען פון זיינע נאהנטע — ווילען זיי מיט אלע מיטלען דאס פערמיידען, און אז עס געהט נישט מיט'ן גוטען, מוזען זיי אנווענדען כח. צוזווארפט מען די סחורות, האקט מען שפיינער אין יודי-שע קעפ, באמבעס אין יודישע געשעפ-טען און שוהלען — מיט איין ווארט, זיי ווילען — איידעל גערעדט — מא-כען א יודישע שחיטה...

ווען די מאס פון דער דאזיגער אקציע איז אבער שוין געווארען אי-בערפולט און דאס מענשליכע הארץ איז געווארען אנגעפולט מיט רחמנות, האט זיך נעגרינדעט א נייע געזעל-שאפט פון צער בעלי-חיים'ניקעס, וועל-כע ווילען איינגאנצען אבשאפען די יודישע שחיטה...

דאס שוואכע יודישע פאלק איז אבער ווייטער איינגע'עקשנ'ט. די יו-דען קעמפען מיט מסירות נפש, זיי ווילען דוקא ווייטער איינהאלטען די יודישע שחיטה, זיי ווילען נישט אנער-קענען דעם גרויסען הומאניטארען אויפטהו פון דער מענשהייט, וועלכע האט אין זינען א הייליגען צוועק, וואס דריקט זיך אויס אין רחמנות-האבען אויף די בהמות. יודען טענה'ן אז בהמות זענען צו שטארק, דאס זיי זא-לען זיך נויטיגען אין מענשליכען רח-מנות, ווייל לויט'ן אנגענומענעם כלל, פערדינען זיך אויף רחמנות נאר מענ-שען, וואס זענען בעשאפען געווארען בצלם אלקים; בהמות אבער ווערען זיך שוין זייער שטעדטיל אליין בעשטעהן...

נו גע-ה רעד מיט יודען, וועלכע זענען נישט דערוואקסען, אז זיי זאלען בעגרייפען דעם הויכען הייליגען אי-דעאל פון די היינטיגע מאדערנע צער בעלי-חיים'ניקעס...

סמאל.

משה אש

די ערשטע חברות און אינסטי-טוציעס אין טשענסטאָכאָוו

.VI

„חברה חייטים והכנסת-כלה"

אַנ׳ערך 18 יאהר האט זיך די חברה חייטים געפיהרט אין בעסטען אָרדנונג, אבגעהיטען די חברה-תקנות, פונקטליך געצאהלט דער קהלה זייער אבצאהל, געזאָרגט מאַטעריעל פאַר איהרע מיט-גלידער, ביז עס האט אָנגערוקט דאס היסטאָרישע יאהר 1831 (תקצ״א), אין וועלכען ס׳איז פאָרגעקומען דער פוילי-שער אויפשטאנד.

די חייטים, פון וועלכע דער גרעס-טער טייל האבען געצויגען זייער חיונה פון די אָרומיגע פריצים, האבען צוליב דער „פאָווסטאָניע" פערלוירען זייער עקזיסטענץ און נישט געהאט מיט וואס זיך מפרנס צו זיין. דערצו נאָך איז צוגעקומען די מגפה, וואס האט געקאָסט א גרויסע צאהל יודישע קרבנות און געשטערט דעם האַנדעל אין לאַנד. פערשטעהט זיך, אז די ערשטע וואס האָבען געליטען זענען געוועזען די שניידער, דעריבער האבען די חייטים נישט געקענט האַל-טען זייערע פערפליכטונגען און צאה-לען די התחייבות׳ער. מיט דער קהלה זענען זיי ווי-ס׳איז אדורכגעקומען; ער-גער אָבער איז געווען מיט׳ן בעל-בית פון חברה-לאָקאַל נחום באָטשאַן, וועל-כען עס איז געקומען 17 רייכס-טאַלער דירה-געלד, וואס איז צו יענער צייט געהען א הון-רב, און זיי האבען נישט געהאט צו בעצאהלען.

דאס בית-דין: ר׳ משה מייזל (דיהרנ-פארטער רב) ר׳ נתן אַדערבערג און ר׳ יעקב אלי׳ ראָזען, ביי וועלכען עס איז פאָרגעקומען די דין-תורה פון בעל-הבית מיט די חייטים, האט ארויסגע-טראגען א פסק, אז פאַר דעם חוב פון 17 ר״ט וואס קומט נחום באָטשאַן, בעקומט ער נאָר 6 ר״ט, דערפאַר אָבער מוז ער שענקען נאָך א יאהר דירה געלד, ווי אויך אַנ׳ארון-קודש מיט א „יד" פאַר דער ספר-תורה. די מתנה זאָל ווערען איינגעשריבען אין פנקס-החברה אויפ׳ן נאמען פון נחום באָטשאַן מיט זיין פרוי.

אין יאהר תקצ״ה (1835) זענען די חייטים זיך צוזאמענגעקומען אויף אַנ׳-אסיפה אבצוגעבען א דין וחשבון פון זייער טעטיגקייט. א גרויסע צאהל חברים האבען פראָטעסטירט, וואס די חברה, וועלכע איז פון די ערשטע אין אונזער שטאדט, גיט זיך אב נאָר מיט אייגענע אינטערעסען אין דער צייט, וואס די נייע חברות, ווי למשל: תלמוד תורה, עירובין, מלבוש ערומים א. א. וו. זאָרגען פאַר׳ן כלל ישראל.

סוף כל סוף איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען די ערשטע נאכט חנוכה א חברה סעודה, אויף וועלכער עס זאָלען פערבעטען ווערען אויך די אוי-בענדערמאנטע דריי היגע דיינים און דאמאלס זאָל אָנגענומען ווערען א בע-שלוס, וואסערע פערפליכטונג די חברה חייטים זאָל אויף זיך נעמען לטובת די היגע אָרימע יודען.

אויף דער דאָזיגער חברה-סעודה איז מיט דער הסכמה פון ראבינאַט בע-שלאָסען געוואָרען צו שאַפען ביי די חייטים אַ חברה „הכנסת כלה". דער ציעל פון דער חברה איז: אַזוי ווי עס געפונען זיך אין אונזער שטאָדט אַ גרויסע צאהל אָרימע כלות, וואס האבען נישט קיין פינאַנסיעלע מיטלען חתונה צו האבען, זאָל זיין די אויפגאבע פון דער חברה זיי מאַטעריעל צו העלפען.

גלייך אויפ׳ן אָרט זענען אין פנקס של החייטים איינגעשריבען געוואָרען פאָלגענדע תקנות:

א) דער נאמען פון דער חברה מוז גערופען ווערען „חברה חייטים והכנסת-כלה".

ב) עס קענען צו די חברה געהערען אויך בעלי-בתים, וואס זענען נישט קיין חייטים.

ג) יעדען חול המועד סוכות ווערען געצויגען קלפים אויף דריי בוררים און הושענא-רבה ביינאכט קלויבען די בוררים צוויי גבאים; דער גבאי ראשון מוז זיין א שניידער, גבאי שני—פון די אנדערע מיטגלידער.

דאן געהען די תקנות וויפיעל א מיטגליד דאַרף צאהלען מעות שבוע, ווער עס קען אריינקומען אין דער קלפי, די פליכטען פון די גבאים א.א.וו.

די תקנות ענדיגען זיך מיט פאָל-גענדען זאַץ: ברוצי הקהל והמורה הוראה פה טשענסטחוב כ״ה כסלו שנת הכנסת כלה המה יקראו עם חברה חייטים לפ״ק.

די חברה הכנסת כלה האט אויך בעקומען א בעשטעטיגונג פון די ראשי-הקהלה: לייב קאָהן, יהודה רייכער ווי אויך פון מורה הוראה הרב ר׳ משה מייזל, וואס איז איינגעשריבען אין חברה פנקס.

דאס פערגרעסערען די חברה דורך פרעמדע עלעמענטען האט נישט גע-שאַפט קיין נחת-רוח די חייטים, דען זיי כתם בעלי-בתים האבען נישט גע-וואָלט זיין אונטערגעוואָרפען דעם גבאי ראשי, וועלכער האט געמוזט זיין א שניידער, און דאס האט גו״ם געווען צו מחלוקות און געשטערט דעם שלום-בית אין דער חברה.

ווי בעקאַנט איז די ערשטע תקנה פון די חייטים געווען צו געהען יעדען שבת ויו״ט תהלים זאגען. דער גרעס-טער טייל חברים האבען נישט געוואָלט קומען צום תהלים, ווייל דאס האט געהערט צו דער קאָמפעטענץ פון שני-דערישען גבאי. בכדי אָבער צו מאַכען א סוף צום תוהו ובוהו וואס האט גע-הערשט אין דער חברה, האבען די גבאים געמאכט חמשה-עשר-בשבט תקצ״ח (1838) א סעודה, פערבעטען אלע מיטגלידער, וואו ס׳איז געשלאָסען געוואָרען א שלום מיט א תנאי, אז עס ווערט צוגעוועהלט א גבאי שלישי נישט קיין שניידער, וואס זיין עובדות בעשטעהט נאָר צו האבען די השגחה, דאס אלע חברים זאָלען זיך געפונען אין דער שוהל שבת נאכמיטאג בעת עס וועט ווערען געזאגט תהלים; צו בעשטימען ווער עס זאָל תהלים זאגען פאַר׳ן עמוד, ווי אויך אכטונג צו גע-בען, אז עס זאָל אויסגעזאגט ווערען גאנץ תהלים. דערפאַר בעקומט דער גבאי שלישי די קאָנצעסיע צו זיין יע-דען שבת, יו״ט ווי אויך די ימי הנו-ראים—בעל-מתחיל, וואס האט ביז יעצט געהערט צום גבאי ראשון. דאַגעגען דאס שטעהען אויפ׳ן בלעמער בעת קריאת התורה געהער אויסשליסליך נאָר צו די ערשטע צוויי גבאים.

צוליב׳ן שאַפען א גבאי שלישי פון דער אָפּאָזיציע האבען די לעצטע אויפ-געגעבען זייער קאַמף און עס איז גע-וואָרען שלום על ישראל.

י. ש. פעקער וואַרשא

די בית״ר-אָפּאָזיציע

אנומעלט טרעפט מיך א „ציוניסטי-שער פריינד" און גיט מיך א פרעג אזוי-זיך, כלאחד-יד: „וואס א פרישען פאָראד געהט איהר מאָכען—א חודש-הבית״ר?... איהר האט שוין זיך אליין געמעגט צורוה לאָזען מיט די שפילע-רייען און נדרים!... ווייזט אויס, אז איהר זענט טאקע נישט קלוגער גע-וואָרען אין משך פון צוועלף יאהר צייט"...

— און אז דו הערסט אזא מין „אריינזאָגעכץ" פון א „ציוניסטישען פריינד", וואס האלט זיך פאַר אַנ׳אמת׳ן פריינד, מוזטו—ווילענדיג-נישט-ווילענ-דיג—מאַכען פאַר זיך אליין א שטיקעל חשבון-הנפש...

* * *

אָבער נישט מיט צוועלף יאהר צו-ריק הויבט זיך אָן דער חשבון הנפש פאַר אונזער עלטערער בית״ר גענעראַציע. דער דאָזיגער חשבון איז מיט א זעקס יאהר עלטער. נישט מעהר—דער גע-דאַנק פון בית״ר איז נאָך דעמאָלט געווען פריש און רויה: לאַזונגען און ראַמאַנטישע התלהבות. יוגענדליכער ברען האט ארויסגעברויזט פון דיר און דו האסט זיך געריסען צו א ממשות׳-דיג-יודענשטאַטליכען אויפבוי פון דיין לאַנד—דיין מלוכה.

* * *

ס׳פלאַטערן פענער איבער דיין קאָפּ: רויטע, גרינע און... ווייס-בלויע. ס׳זע-נען געווען טעג אין וועלכע דיין גאַנ-צער אָרום האט געיובעלט און מיט-געטאַנצט פון דער גרויסער פרייהייט-שמחה. תפיסה-טויערען האבען זיך אויפגעפראַלט לרווחה לכבוד דער פריי-הייט-שמחה; פון סיביר האבען זיך צו-ריקגעקעהרט פרייהייט-קעמפער פון פערשידענע פעלקער; אַלץ און אלע האבען אין יענע טעג איינגעזאַפט אין זיך דעם ריח פון פאָלק און לאַנד-פרייהייט; און אינ׳ם פון-פרייהיים-פער-שכור׳טען המון, האסטו זיך אויך גע-פונען, ווייל מ׳האט דיר אונטערגע-טראַגען א מתנה—די באַלפור-דעקלאַ-ראַציע...

דעמאָלט האסטו געטראַכט: ס׳איז געקומען דער טאג פון אויפשטעהן פאַר אלע פעלקער און אויך פאַר דיר—פאַר דיין פאָלק. אין יענע טעג ביזטו אויך געווען פער׳שכור׳ט מיט׳ן אַלט נייעם טרוים—צוזויפנעמען א יודישען לעגי-יאָן אויף דער ערד פון „מאמע רוסלאַנד" און פיהרען איהם, דעם יודישען לעגי-יאָן, דורך קאַווקאַז קיין ארץ-ישראל, כדי צו בעפרייען איהר פון האַלב-לבנה׳דיגער אָקופּאַציע און ארויפשטע-לען אויפ׳ן שפיץ פון איהר מלכות-קרוין— א מגן-דוד אונטער א טלית-פאַהן...

שוין דעמאָלט איז געשאַפען געוואָ-רען דער בית״ר!...

געדענקסטו עס?!

* * *

דער אַבהילך פונ׳ם בית״ר-טרוים איז אָבער בעשערט געווען צו געהן א מהלך פון גאַנצע זעקס יאהר ביז ר׳האט זיין אמת׳דיגען תיקון בע-קומען אין יאהר 1923. זעקס יאהר האט געדויערט אין דער יודישער יו-גענד-גאָט אויף דער גאָר׳ער תפוצות-וועלט א בענקעניש נאָך יענע פריי-הייט-טעג, וועלכע האבען אויפגעמונ-טערט נשמות פון פעלקער און לענדער. אָרום דיר: פוילען, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקען א. א. ווערען אויפגעריכט מיט א שטאָאַט, מיט אייגענע זעלבסטשטענדיגע מלוכות, אייגענע חיילות און אַנ׳אייגענער פאָהן...

און דו?...

— איבער די שמחה-טעג... און ווען ביי אנדערע פעלקער ווערען „סיבירער" פרייהייט - קעמפער געשטעלט ביים מלוכה רודער—ווערען דיינע פרייהייט-קעמפער געשיקט אויף עבודת-פרך תפיסה און דיינע בעסטע זוהן—ווערען אויס-געשאָכטען דורך דער אַפּיציעלער האַלב-לבנה אונטער׳ן „שוק" פון א „ביבלי-שען מלך-חסד"...

און ווען דו ווילסט נישט איינגעהן אויף אונטערגאַנג און דיין יוגענד נשמה הערט נישט אויף צו ברויזען, ווי אין יענע „פרחי-ציון"-פרייהייט-טעג, —דערמאָנסטו זיך:

ס׳איז דאָ א וועג צו א יודישער מלוכה אין ארץ-ישראל—דורך „קאַוו-קאַז"...

* * *

אוודאי איז דער דאָזיגער וועג נישט קיין נאָהענטער און נישט קיין בעק-וועהמער, ר׳איז אויסגעבעט מיט דער-נער בערג און וואָרפשטיינער, וועלכע פאַלען אויף דיר גאַנץ אָפט. היימישע „פריינד". האבען טאַקע מיט צעהן-צוועלף יאהר צוריק געזאגט צו אונז: „שפיעלט זיך נישט אין ביקסעלעך!"...

— „ווען איהר וועט אָנטרעפען אויף דעם הארטען און שווערען לעבען אין דער ארץ-ישראל׳דיגער ווירקליכקייט, וועט איהר אנדערש רעדען"—האט מען דעמאָלס פון פערשידענע זייטען גע-טענה׳ט צום בית״ר...

— „איהר וועט זיך אויסניכטערן פון אייער ראָמאַנטישער שכרות"—האבען גע׳פסקנ׳ט „ציוניסטישע וועטעראַנען"...

און אזוי זענען פאַריבער צוועלף יאהר בית״ר-ריש-לעבען און עקזיסטענץ. די „ראָמאַנטישע תקופה" איז שוין פון בית״ר פערשוואונדען זייט עטליכע יאהר. אין זיינע קינדער-יאהרען—די „ראָמאַנטישע"—האט מען זיך מיט אלע אָנשטרענגונגען בעמיהט „ענטגעגנצו-קומען" דעם בית״ר מיט א הארט און שווער לעבען: פאַגראָמען אויף בית״רי-שע קינדער אין תל-אביב און חיפה, רדיפות מצד דער אָפּיציעלער ציוניס-טישער אָרגאַניזאַציע, סערטיפיקאַטען-רויב, בלוט-בלבול... אַלץ, אַלץ, האט דער „ראָמאַנטישער" בית״ר אויסגע-טראָגען אויף זיינע פלייצעס; אַפּטמאָל איינגעזאַפּט עס אין זיין „נישט פער-הארטעוועטע ווירקליכקייט" און—אויס-געשטאַנען ביז אייגענער באַלעבאַטיש-קייט:פלוגות-עבודה און פלוגות-גיוס אין ארץ-ישראל.

און ווען ס׳האט די אויפשטראַהלענ-דיגע תל-אביב גערופען צו זיך אין די „פראָספעריטי"-יאהרען און ס׳האט גע-לאָקט מיט פעטע פערדינסטען און בע-קוועהמע לעבענס,—האט דער בית״רי-שער מגוי׳ם (מאָבילזירטער אין פלוגה) דער „ראָמאַנטישער" און נישט פער-הארטעוועטער יונגערמאַן, מותר-געווען

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

צייט-מאָטיווען...

זאָלען מיר די לעזער מוחל זיין, אויב אין מיין היינטיגען „וואָס געהערט וואס געזעהן" וועלען זיך געפונען טרויעריגע טענער. פערפאלען, אפילו אונזערס א מענש קאן נישט אריבער-שפרינגען איבער זיך אליין. איבריגענס, איז די דאָזיגע רובריק די אָבשפיגלונג פון די געשעהענישען, וואס פאָסירען אין משך פון דער וואָך, און זייענדיג טריי דעם אמת, מוז זיך אַרויספיהלען אַט דער דאָזיגער טרויער, וואָס בע-הערשט אונז די לעצטע צייטען. בע-סער וואָלט געווען, ווען מען וואָלט אַט די אַלע „נייעסען" אָנגערופען מיט זייער ריכטיגען נעמען — צייט מאָטי-ווען...

יאַ ניעכצע וויענצעי כאָדזיטש דאָ טאָקיעי שקאָלי...

יענע וואָך, זיצענדיג ביי מיינע פריינד, קומט אריין צו לויפען זייער 10 יעהריג טעכטעריל מארילקא מיט זי ביכער אונטער׳ן אָרעם, דאָס פנימ׳ל בלאס ווי די וואַנד, און מיט א געוויין פלאַצט זי ארויס די ווערטער: יאַ ניעכ-צע וויענצעי כאָדזיטש דאָ טאָקיעי שקאָלי.

מיר אַלע זענען געבליבען פרשטוינט פון קינדס רייד, און ס׳האט לאַנג גע-דויערט, ביז ס׳איז געלונגען דער מו-טער צו בערוהיגען דאס קינד און ארויסצובעקומען פון איהר וועגען וואס עס האַנדעלט זיך.

ווי ס׳ווייזט זיך ארויס, איז געשעהן פאָלגענדעס: מארילקע לערנט זיך אין אַ פוילישער שולע (דאס איז געווען די מוטער׳ס פּלאַן; זי וויל בעווייזען, אז זי איז א אינטעליגענטקע און איהר קינד געהט נישט אין קיין זשידאָווסקע שקאָלע, כאָטש דער פאָטער פון קינד איז געווען דורכאויס דערפאַר, אַז זיין קינד זאָל יאָ געהען אין אַ יודישער שו-לע. ווי געוועהנליך האט די מוטער אויסגעפיהרט...), האבען די קריסטליכע חבר׳טעס זי בעליידיגט, און ווען זי איז אהיימגעגאנגען, האבען אויפ׳ן וועג שילער זי געשלאָגען און געשרי-גען אויף איהר „זשידובא". און דאס איז נישט דאס ערשטע מאָל — פער-טרויט זיך מאַרילקע פאַר דער מוטער— אַלע מאָל שלאָגען זיי מיך און בעליי-דיגען מיך. ניין, איך וועל אין אזא שולע מעהר נישט געהן.

כ׳בין זעהר נייגעריג צו וויסען, וואס מארילקעס מוטער וועט איצט טהון מיט איהר קינד.

פאָטאָגראַפּיסטען...

זאָל מען אָנרופען דאס קינד ביים ריכטיגען נאָמען: דאס יודישע סוחרטום לעבט אַדורך אַ שווידערליכען מאָמענט, עס ווערט געפיהרט אַנ׳אָפּענער באָי-קאָט געגען יודישען האַנדעל און פון טאג צו טאג ווערט די לאַגע אַלץ ער-גער און ערגער.

נישט בלויז אין די קליינע שטעדט-לעך בענוצט מען זיך מיט טעראָר גע-גען יודישען סוחר, נאָר אויך אין דער שטאָדט וויל מען דעם יודישען סוחר אראָבשווענקען פון האריזאָנט, מיט דער הילף פון — פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַט-לעך.

די קריסטליכע סוחרים נוצען אויס די קאָניונקטור און מיט דער הילף פון זייערע ענדעקישע פּאַרטייען שיקען זיי פונאַנדער בריעף צו די קריסטליכע קונים, אַז אויב זיי וועלען קויפען ביי יודען, וועט מען זיך שוין מיט זיי אָברעכענען, און אויב דאס העלפט נישט שרעקט מען זיי אָב מיט פאָטאָ-גראַפירען זיי.

אין יודישען צענטער, דאָרט, וואו עס איז געווען דער ערשטער יודישער האַנדעל, האט זיך פערלייגט א געשעפט אַ קריסטליכער סוחר (אויך זיין גע-שעפט געפונט זיך אין אַ יודיש הויז) און ווי געוועהנליך זענען ארום און אָרום יודישע געשעפטען. ווען א קריסטליכער קונה פערבלאָנדזשעט אריין צו א יודישען סוחר, בעווייזט זיך באַלד אַ פערשוין מיט אַ פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט און פאָטאָגראַפירט אָב דעם קריסטליכען קונה. צי ער פאָטאָגראַ-פירט באמת, צי עס איז נאָר אַזאַ מאַ-נעוור, איז נישט בעוואוסט. דערוויל אָבער ווערט דער קריסטליכער קונה דערשראָקען, ער האָט מורא, אַז מען וועט איהם שטעלען אין דער צייטונג צום שאַנד-סלופּ און ער ענטלויפט פון יודישען סוחר. אגב וועט ער שוין דערצעהלען אַלע זיינע בעקאַנטע וועגען די נייע פאָטאָגראַפּיסטען...

ער איז גערעכט, מיין חבר...

יענע וואָך זענען צו מיר געקומען עטליכע יודישע פאַבריקאַנטען פון דער צעלולאָיד-בראַנזשע און דערצעהלט, אַז די און די יודישע פירמע ברענגט צעלולאָיד פון דייטשלאַנד און פערקויפט עס פריי און פראַנק. ווילען זיי, אַז איך זאָל עפענטליך אַרויסשרייבען דעם נאָמען פון דעם פּאַסקודנעם יודען, כדי לחסיר מכשול.

אַנ׳אַנדערער יוד דערצעהלט מיר, אַז יודישע סוחרים זענען געקומען צו איהם מיט אַ פאָרשלאַג, אַז ער זאָל קויפען 500 פּעסער יאַרמוט-הערינג פון שטעטין, און אַזוי ווי ער האט זיי נישט געוואָלט קויפען, האט זיי געקויפט אַ בעַנדינגער יודישע פירמע, וועלכע פער-קויפט זיי די יודישע סוחרים, וואָס ווייסען נישט, אַז דאס איז טרפה׳נע סחורה.

דאַן קומען נאָך אַנדערע און דער-צעהלען מיר, אַז עטליכע היגע כלל-טהוער האנדלען מיט דייטשלאַנד, און איך זאָל זייערע נעמען מפרסם מאכען ברבים. האב איך געוואָלט טאָקע וועגען דעם שרייבען, נאָר פריהער האָב איך עס דערצעהלט מיינס אַ נאָהנטען פריינד. חבר-לעבען — זאָג איך — דו האסט געהערט אַ מעשה-רע? אָט אַ דער און דער, וועלכער מאַכט זיך פאַר אַ שעהנעם יודען, האַנדעלט מיט דייטשע סחורות, און איך וויל וועגען דעם שרייבען. זאָל גאָט אבהיטען — איז מיין חבר אויפגעשפרינגען — ס׳זאָל דיר נישט איינפאַלען, צו-וואָס טויג עס דיר, פאַרוואס מוזטו וועגען דעם שריי-בען. אויב א גאַנצע עדה פון דרייסיג טויזענד יודען קאנען בעשטעהן דערויף. אויב אין אַזאַ שטאָדט ווי טשענסטאָ-כאָוו — גיט מיר מיין חבר ווייטער צו פערשטעהן — איז נישטאָ קיין קאָ-מיטעט, וואס זאָל זיך מיט אַזעלכע ענינים פערנעהמען, איז דאָך א סימן, אַז קיינעם אַרט נישט וואס יודען סיה-רען דעם דאָזיגען מסחר, טאָ וואס דאַרפסטו דיך אַרויסשטעלען פאַר אַ גאַנצע שטאָדט,

איך האב נאָכגעטראַכט מיין חבר׳ס רייד און האב איינגעזעהן, אַז ער איז גערעכט...

ער האָט געמוזט רעזיגנירען...

דערצעהלט מיר אַ יונגערמאַן פאָל-גענדען פאַקט:

יענע וואָך דאָנערשטאג אָרום האלב צעהן אויפדערנאכט האָט ער געזעהען, ווי עטליכע כוליגאַנעס האבען אויסגע-האַקט דאָס שוי-פענסטער אין „פלוטאָס"-געוועלב אין דער צווייטער אַלעע 21.

אַזוי ווי די פערברעכער זענען נישט ענטלאָפען, נאָר זענען זיך גאַנץ גע-מיטליך אַוועקגעגאַנגען, האט ער בע-שלאָסען זיי נאָכצוגעהן, ביז ער וועט אַנטרעפען אַ פּאָליציאַנט, כדי זיי זאַ-

אויפ'ן בעקוועהמען לעבען און ר'האט זיך געלאָזט געהן אין ברענענדיגען און וויסטען גליל, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון עבודה עברית אין פערוואַרלאָזטען יודישען דאָרף!!!

און הונדערטער בית"ר'ים האבען זיך אין די גלות-לענדער אָבגעזאָגט פון שעהנע קאַריערעס און פון פּערזענליכען נוצען; פיעל פון זיי האבען מקריב געווען פאַר'ן בית"ר זייער לעבען און משפחה-גליק, כדי פאָרטצוזעצען די אַלטע תורה פון קאַמף פאַר א יודישער מלוכה אין ארץ-ישראל— פאַר א מלכות בית-דוד.

* * *

און ווען יענער היימישער „פריינד" פרעגט:

„טאָ ווי-אַזוי ווערסטו פיהרען דעם קאַמף – דורך פּאַראַדען און נדרים"?

ענטפערען מיר איהם און אַלעמען:

– אין בית'רישען נדר ווערט געזאָגט: „כי בן-מלכים אנוכי" – איך בין אַ זוהן פון קעניגען"...

געדענקסטו נישט „פריינד", ווי-אַזוי יודישע קעניגען האבען געבויט אַ מלוכה? – מיט גרויסע פּאַראַדען, טאַנצענדיג און זינגענדיג אין די גאַסען „לפני ארון ברית ה'", האט דער „נעים זמירות ישראל" – דער שעפער און גרינדער פון מלכות בית-דוד – צונויפגעזאַמעלט אַרום זיך דאָס פאָלק; און דאס פאָלק איז געקומען נישט נאָר אויף א שמחה, נאָר אויך צום קאַמף פאַר דער בעפרייאונג פון זיין לאַנד און פאר דער אויסברייטערונג פון די גרעניצען פון דער יודישער מלוכה...

בני-מלכים וועלען דורך פּאַראַדען און נדרים, טאַנצענדיג און זינגענדיג, רופען צום קאַמף און דערפיהרען איהם ביז צום ענדגילטיגען נצחון.

* * *

דער בית'ר-חודש וועט זיין אַ נייע התחלה צו דער דאָזיגער אַרבייט.

צוועלף יאָהר האט דער בית'ר געפיהרט אַנ'אָבוועהר-קאַמף אין דער אַלטער צ. אָ. פאר זיין עקזיסטענץ בערעכטיגונג. מיט'ן בית"ר-חודש הויבט זיך אָן די אָפענסיווע פון בית"ר אויף דער יודישער גאַס!!!

דווקא איצטער, ווען די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע האָריזאָנטען פון אונזער ארץ-ישראל-זאַך זענען שטאַרק פערוואָלקענט, איז נויטיגער און נוצליכער – מעהר ווי ווען ס'איז אַנדערש— אויפצולעבען יענע ראָמאַנטישע תקופה אין ציוניזם און אויפברויזען די הערצער פון אונזער יוגענד מיט יענער – ביז יעצט אומבאַקאַנטער – התלהבות פון מלוכה'שען ציוניזם, פון זעלבסטאָפּפערוויליגקייט און יודענשטאַטליכער שטאָלצקייט.

און ווער זאָל עס טהון, אויב נישט דער בית"ר – דער גוט-אויסגעפּרובטער, בעשרה-נסיונות'דיגער, מענשעןמאַטעריאַל?

* * *

און יודישע עלטערן, וועלכע געדענקען די פּראַכטפולע יאָהרען פון ראָמאַנטישען ציוניזם – די יעניגע יודען, ביי וועמען ס'טליעט נאָך אין הארצען אַ פונק פון עהרע צום פאָלק ישראל און צו זיינע אַלט-נייע ציוניסטישע טרוימען, – די אַלע וועלען פערשטאַרקען די איינציגע יוגענד-פעסטונג פונ'ם יודישען פאָלק – דעם בית"ר!

ווייל די גרויסקייט פון בית"ר און זיין שטאַרקייט – איז די גרויסקייט און שטאַרקייט פון יודישען פאָלק!

* * *

און ווען ס'וועט אין דעם חודש פלאַטערן די בלוי-ווייסע פאָהן, בשעת'ן אָבגעבען דעם נדר – וועט יעדערער פון אונז געדענקען, אַז אין די דאָזיגע מינוטען פאַרמירען זיך די צוקונפט-אָבטיילונגען פון יודישען גדוד, וואס וועט זוכה זיין ארויפצושטעלען אויפ'ן שפּיץ פון ירושלים'ס מלכות-קרוין – דעם יודישען בית-דוד-פּאַנצער!!!

– ווייל ס'איז דאָ א וועג צו אַ יודישער מלוכה אויך דורך פּוילען און אַנדערע תפוצות-לענדער!!!

מעפּיסטאָפעל לאַכט...

וועגען פאָרשלאַג צו פערוועהרען די יודישע שחיטה
און וועגען נאָך אזעלכע זאכען

פון ישעיה אוגער

הינטער די נגישות און רדיפות אויף יודען, הינטער אַלע עקסצעסען, די פיזישע און מאָראַלישע, וואס זענען געווענדעט געגען יודען, הינטער אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעהענישען, וואס העלפען די פינסטערע כוחות צו געוועלטיגען איבער דער וועלט—הינטער זיי געהט נאָך מעפּיסטאָפעל, דער בלוטיגער דעמאָן דער גרויסער ציניקער, ער האט א גרעסערען כוח ווי דער אַלטער פערצייטיגער אשמדאי מיט די אויסגעשטשירעטע צייהן—ער איז מאָדערן פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז בעוואָפענט מיט דעם מאָדערנסטען געוועהר. ער האט נישט, ווי דער אַלטער אשמדאי, צו טהון מיט א פּאָר צעהנדליג טייוולאָנימלעך אויף א קליינעם ענגען שטח פון גהינום; ער שטעהט אין א מגע ומשא מיט מיליאָנען, ער רעדט צו מיליאָנען און אַגיטירט מיליאָנען, ער האט אין זיין רשות דעם ראַדיאָ און די פּרעסע און די פּאַרלאַמענטאַרישע טריבונע, און די אוניווערזיטעט-קאַטעדרעס און די מאָדערנסטע מיטלען פון פּראָפּאַגאַנדע, דעם גאַנצען טעכנישען אַפּאַראַט פון סוגעסטיע און היפּנאָז, פון בעאיינפלוסונג און מאָראַלישער אינפיצירונג.

און אין פערשידענע געשטאַלטען טרעט ער אויף. אַמאָל אין דער געשטאַלט פון פיהרערס, „דוּשעס" מאַכטהאָבער, מלוכה-מענער, מיניסטאָרען, פּאָליטיקער; און אַנ'אַנדערש מאָל אין דער געשטאַלט פון „פאָלקס-ערציהער", געלעהרטע, פּראָפעסאָרען, שרייבער, דיכטער און אנדערע „פיהרענדע" פערזענליכקייטען, אויף אלע געביעטען, אין אַלע צווייגען, אין יעדע ספערע פון מענשליכער טעטיגקייט דרינגט ער אריין.

הינטער אַלע געשעהענישען געהט ער נאָך טריט ביי טריט. ווי א פויער הינטער דעם אַקער-אייזען. אויף בלוטיגע שפּורען און לאַכט דעמאָניש, טייוולאָניש, גרויזאַם, שוידערליך, ציניש, ער לאַכט און חוזק'ט אָב דערהויפּט פון אומגליקליכע, פון פּערפּאָלגטע, פון שוצלאָזע, פון מענשען, וואס קאָרטשען זיך אין ווייטאָגען, קומען אום אין נויט און עלענד, געהען אָב מיט בלוט אין קאַמף פאַר א שטיקעל ברויט, אין קאַמף פאַר אביסעל רעכט אויף לעבען. פון זיי לאַכט ער אָב אכזריות'דיג, ציניש, סאַדיסטיש, און האט אַ הנאה צוקוקענדיג זיך צו די מאַטערנישען און ענויים פון די דאָזיגע אומגליקליכע, פון אָט די קרבנות פון רעכטלאָזיגקייט, בייזוויליגקייט, און אכזריות.

ווייר זינד איין טייל פאָן יענער קראַפט, די שטעטס דאס בייזע וויל און שטעטס, דאס בייזע שאפט—

קען מען זאָגען אויף די היינטיגע דעמאָנען, פּאַראַפראַזירענדיג מעפיסטאָפעלס וואָרט אין געטהעס „פויסט".

* * *

ווי שפּאָטיש און ציניש ער לאַכט, דער היינטיגער מעפּיסטאָפעל!—און ווי דאס טהוט וועה, ווי טיעף דאס בעליידיגט דאס מענשליכע געפיהל, בפרט ווען עס פעהלען אזוי אויך נישט קיין מאַלטערטירונגען און דערנידערונגען.

אָט געהען נאָך אַרום יודישע סטודענטען מיט נישט-פערהיילטע וואונדען אויף די קעפּ, מיט וואונדען פון שאַרפינקע ראזיר מעסערלעך; עס זיצען נאָך דאָ און דאָרט אין די קליינע שטעדטלעך יודישע הענדלער ווי איינגעשלאָסען אין זייערע היימען און דערוועגען זיך נישט צו בעווייזען אויף די מאַרק, שרעקענדיג זיך פאַר א פּוזלונגדיגען „אויסברוך פון פאָלקסצאָרן" און אין קליינע און גרויסע שטעדט ציטערען יודישע סוחרים און קרעמער אריינצוקומען אין זייערע געשעפטען און קראָמען מורא האָבענדיג פאַר א אומגעריכטען אויפרייס, פאַר אַנ'אַטענטאַט אויף זייערע לעבענס— און אין דער בודזשעט קאָמיסיע נעהמט מען זיך אָן די קריוודע פון די פּוילישע יודען אין דייטשלאַנד און מען איז שטאַרק בעזאָרגט וועגען זייערע פערמעגענס און גלייכצייטיג האט מען טענות צו די פּעראַנטוואָרטליכע פאַקטאָרען פאַר וואס מען בעמיהט זיך בכלל נישט, אַז פּוילישע יודען, דאס הייסט איינגעזעסענע פּוילישע בירגער זאָלען וואס גיכער זיך אַריבערפּעקלען קיין ארץ-ישראל.

כאַ-כאַ-כאַ כי-כי-כי!—לאַכט צינישגאַליג מעפּיסטאָפעל. מ'האט אייך געשניטען, יודעלעך דאס לעדער—איז ארויס! דאָ פּאַלעסטינע!—

און שוין דאַכט זיך גוט. הא?—ניין, לאָזט ער אייך נישט ארויספאָהרען אויך און פערשטעלט אייך דעם וועג קיין „פּאַלעסטינא", ווי דער מלאך אָקעגען יעקב אבינו'ן שטעלט ער זיך אייך אַנטקעגען אין דער געשטאַלט פון א פּראָפעסאָר און רעדט אויס אויף יודען, וואס איהר ווילט נאָר, אז יודען זענען אומדעמאָקראַטיש, דעספּאָטיש, טיראַניש, גוואַלד-מענשען, וועלכע ווילען פערניכטען די אַראַבער און פערכאַפּען זייער לאַנד, און דעריבער וואָרענט ער די אראַבער, אַז זיי זאָלען שטעהען אויף דער וואַך".

מיר מיינען דאָ פּראָפעסאָר ריבאַרסקי'ס ארויסטרעטונגען געגען די יודען, פאַר וואס זיי זענען אזוי אומדעמאָקראַטיש, עגאָאיסטיש און דעספּאָטיש און ווילען נישט צולאָזען, אז מ'זאָל איינפיהרען א לעגיסלאַטיוו-ראַט, די אראַבער זאָלען בעקומען א מעגליכקייט צו „רעגירען" מיט אייער אייגען לאַנד, דאַכט זיך וואס פאַר א שייכות האבען די ענדעקעס צו ארץ ישראל?—וואס געהט זיי אָן דאס דאָזיגע לאַנד?— וואס פאַר א אינטערעס האבען זיי צו שטערען די יודען אויסצוואַנדערען אַהין?—פּערקעהרט, זייער גאַנץ פּראָגראַם שטרעבט דאָך אייגענטליך צו איין ציעל, צו איין אידעאַל: אויסצוטרייבען די יודען, אָדער, ווען דאס לאָזט זיך נישט אויספיהרען ביי היינטיגען טאָג אזוי לייכט, איז לכל הפחות ארויסטרייבען זיי פון פּוילען, און דאָ קומט דער פּראָפעסאָר ריבאַרסקי, א ענדעקישער סטאַר און מנהיג, און וויל אויפהעצען די אראַבער געגען אונז און דווקא פערהאַלטען אין פּוילען...

איז דאס נישט א ביטער דעמאָניש געלעכטער?—און פיהלט זיך נישט אין דעם כאַ-כאַ עפּעס ווי א וואַרנונג: זעהט, כלאַפּצי, ווי די יודען ווילען פערכאַפּען די ממשלה איבער די אראַבער, היט זיך, אז זיי זאָלען אויך איבער אייך נישט ווערען קיין מושלים און ווייסט, וואָס איהר האט צו טהון...

און דאַן דער בלוטיגער חוזק פון דעם דאָזיגען דעמאָן, זיין רויט געלעכטער אין טרוסקאַלאַס!!—

ווי גרויזאַם ער האט אָבגעלאַכט פון אַלעמען!—קודם כל פון די יודען, נאַטירליך. ער האט אויסגעטראַכט א בלבול אויף זיי, וואס האט זיי געקאָסט ממון און דמים... ער האט אַלזאָ אָנגעהויבען גאַנץ „ערנסט", הייסט עס..... און נאַכדעם, ווען מ'האט שוין די יודען גוט „אַנגעלערנט" פאַר זייער מכּלומר'שטען פערברעכען, האט ער ארויסגעשלעפּט פון הינטער די קוליסען דעם אמת'ן פערברעכער, א 100 פּראָצענטיגען אַריער, וועלכער האט פערשוועכט די הייליגקייט פון דער קירך, און—האט זיך צעלאַכט אויף א קול, אַז א ציטער איז אדורכגעגאַנגען א שוידער האט אַדורכגענומען יעדען עהרליכען, רעכטליךדענקענדיגען מענש מיט א מענשליך געוויסען און געפיהל, וואו ער זאָל נישט געווען זיין, אין וועלכען קולטורווינקעל פון דער ערד ער זאָל זיך נישט האבען געפונען...

אומעטום מישט זיך מעפּיסטאָפעל אריין און מאַכט חוזק פון אַלץ און טהוט אָב אַזעלכע שפּיצלעך, אַז עס פערגעהט מענשען און פעלקער אין דער צעהנטער ריפּ.....

און אָט דערוואַרט אונז א נייע איבערראַשונג.

די ווירטשאַפטליכע לאַגע אין פּוילען איז גאָר נישט אַמבעסטען. מיר האבען עס נאָר וואס געהערט אויך פון דער אָפיציעלער זייט. דער קריזיס לאָזט זיך נאָך זעהר שטאַרק פיהלען און פאָדערט גרויסע קרבנות. די יודישע בעפעלקערונג בעקלאָגט זיך. זי איז רואינירט און פעראָרימט. זי בעט זיך רחמים, אז מ'זאָל איהר געבען די מעגליכקייט איינגערמאסען צו זיכערן איהר עקזיסטענץ, בכדי צו קענען נאָכקומען די בירגערליכע פליכטען. דאס וואָלט געבראַכט א גרויסען נוצען דער מלוכה, די מלוכה-פינאַנסען, דער פּוילישער ווירטשאַפט.

עס איז דאָ געוויג, וואס אויפצוטהון אויף פערשידענע געביעטען, אין יעדען צווייג פון מלוכה-לעבען. עס איז דאָ וואו איינצופיהרען רעפאָרמען—און ווי נויטיג זענען ביי אונז רעפאָרמען!—

לאַכט אָבער פון דעם אַלעם מעפּיסטאָפעל. נעהמט ער א שוואַכע פרוי, די פרוי פון סענאַט-מאַרשאַלעק פּריסטאָר און רוימט איהר איין אין אויער: דו פערנעהם זיך בעסער מיט יודישער שחיטה, איידער מיט נוצליכע רעפאָרמען, און זי פאָלגט איהם.

האט זי איצט צוגעגרייט, די ליבע פרוי פּריסטאָר, פאַר'ן סיים-פּלענום א פּראָיעקט וועגען פערוועהרען שחיטה אין גאַנץ פּוילען. און רבנים זענען גוזר תענית. און עס וועט זיין א דיסקוסיע, און מען וועט שפּריצען מיט גאַל און גיפט אויף יודען.—

און מעפּיסטאָפעל אין פּוילען וועט לאַכען און לאַכען, אז ער וועט זיך אַזש טרייסלען...



לפען צוגעציגען ווערען צו פעראַנטוואָרטליכקייט.

איז ער זיי נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צווייטע אַלעע. דאַן די דריטע אַלעע ביז צום פּאַרק און האט זיי ליידער נישט געקאָנט איבערגעבען אין קיין פּאָליצייאישע הענד. און היות ווי קיין טשענסטאָכובקע האט ער צוליעב פערשטענדליכע טעמים מורא געהאט נאָכצוגעהן, האט ער זיך צוריקגעקעהרט אַהיים.

די מעשה – דערצעהלט דער יונגערמאַן – האט איהם שטאַרק פערדראָסען. ווי נעשיקט זיך עס, אַז אין צענטער שטאָדט זאָלען פערברעכער אָנטהון אַזאַ מעשה רע און זיך רוהיג אָוועקגעהן אונבעשטראָפט; ער האט געוואָלט זיי איבערגעבען אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט, נאָר וויל אַהין, וויל אַהער – ער האט קיין ברירה נישט געהאט, ער האט געמוזט רעזיגנירען...

אויף טיש און אויף בענק...

אויב ס'וועט לאַנג דויערען ביז מען וועט צונעמען אַ חזן אין דער שטאָדטשוהל, האָב איך מורא, אַז עס זאָל דאָרט חס ושלום נישט געשעהן קיין קאַטאַסטראָפע, ווייל טאָמער ווערט מען געוואויר, אַז ס'איז געקומען א חזן אויף פּראָבע, זאָל גאָט שומר ומציל זיין – די שוהל ווערט בעלאַגערט, אַהן גוזמא, פון טויזענדער מענשען און ס'בלייבען אינדרויסען מעהר וויפיעל עס קאָנען אינעווייניג אריין.

ס'פערשטעהט זיך, אז ביי אַזאַ עולם איז וועגען האַלטען אָרדנונג נאַרגישט צו רעדען, און מען דאַרף דאַנקען גאָט, אַז דער קבלת-שבת מיט'ן מערבדאַווענען געהט אַדורך בשלום און עס געשעהט נישט חלילה קיין קאַטאַסטראָפע.

דעם פערגאַנגענעם פרייטאָג-צו-נאַכטס איז געקומען אַהין עין הרע אַזאַ גרויסער עולם הערען דעם זגעזשער חזן, וואס די שטאָדט-שוהל האט דאס נאַכנישט געזעהען, און אַלעס שטופּט זיך אויבען-אָן. געווען א מאָמענט, ווען דער חזן האָט געמוזט איבעררייסען און אויסוואַרטען ביז דער עולם וועט זיך ווי עס איז בערוהיגען.

ס'דאַכט זיך אויס, אַז די גאַנצע שטאָדט יודען פערזאַמלען זיך אַזאַ פרייטאָג-צו-נאַכטס אין שוהל.

מיט איין וואָרט – עס טהוט זיך אויף טיש און אויף בענק...

אַנ'אורח אויף שבת...

עס פיהרט זיך מקדמונים, אַז יעדעס שטיבעל בעשטימט פאַר איהרע מיטגלידער אַהיימצונעמען אורחים אויף שבת. פערהאַנען אפילו אַזעלכע שטיבלעך, וואו עס הענגט אויף דער וואַנד א ליסטע אויף וועלכער ס'איז אויסגערעכענט און אַנגעוויזען, וועלכער בעלהבית דאַרף אַהיימנעמען אַנ'אורח אויף דעם אָדער אַנ'אַנדערען שבת.

ס'טרעפט אָבער עמאָל, אַז דער בעטרעפענדער בעל הבית קאָן צוליעב געוויסע סיבות נישט אַהיימנעמען דעם אורח אין דעם בעשטימטען טערמין, הייסט ער איהם געבען צו עסען שבת אין אַנ'אכסניא און דער בעל-הבית בעצאַהלט שפּעטער דעם בעל-אכסניא.

דעם לעצטען פרייטאָג און שבת האט אזא פאל געטראָפען אין אלעקסאַנדער שטיבעל, קראָקאָווער 7. האט מען דעם אורח געהייסען געהן עסען צו א געוויסען זאַקס, וועלכער האט אַנ'אכסניא. דער אורח האט זיך פערהאַלטען עפּיס אויסטערליש, קיין קידוש האט ער נישט געמאַכט. אויך קיין המוציא האט מען פון איהם נישט געהערט זאָגען. צומאָרגענס איז דער זעלבער אורח ווידער געקומען עסען מיטאָג, געשיקט דורך דעם שטיבעל פון דער „אגודה", און נאָכ'ן עסען, ווען דער בעל-אכסניא האט איהם מכבד געווען מיט'ן בענשען, איז ער כלומרשט אַריינגעגאַנגען אין דער קוך אריין און עפּנענדיג די טהיר איז ער ענטלאָפען ווי פון אַ פייער.

האט מען דאָך אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין, ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ... קריסט, וועלכער רעדט יודיש און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַ יוד:

שייך צו זאגען – ער איז דער אמת'ער אורח אויף שבת...

זיי האָבען נישט קיין מזל...

יאָ קריזיס, נישט קריזיס, טעאַטער און קינאָ האָבען נאָך אַ ביסעל ערפאָלג און דווקא פון יודען.

אמת, מען קאָן עס פערטייטשען דערמיט, וואס יודען האבען א זין פאַר קולטורעלע בעדערפענישען און אנשטאָט צו זיצען אין די שענקען געהען זיי בעסער זעהען קונסט, כדי דערמיט צו זעטיגען די נשמה; דערמיט הייסט עס ווערט בערעכטיגט דאס, וואס אין די טעאַטערן און אין די קינאָס זעהט מען א גרעסערען פּראָצענט יודען. אָבער, דער „אָבער" בעדייט, אַז ערפאָלג האָבען נאָר קינאָס און אויך דאס פּוילישע טעאַטער, אָבער נישט דאס יודישע טעאַטער, אין וועלכען דער אַזוי-גערופענער בעסערער עולם געהט נישט.

געווען ביי אונז צוויי וואָכען צייט אַ יודישע טרופּע מיט בעדייטענדע גוטע כחות (וועגען רעפּערטואַר וויל איך דאס מאָל נישט רעדען). אַלע, וועלכע זענען יאָ געקומען, האבען מיט בעוואונדערונג אַפּלאָדירט און זענען געווען זעהר צופרידען פון די אויפפיהרונגען, און דאָך וויל איך אייך אויסזאָגען א סוד, אַז די אַרטיסטען האָבען אין משך פון די צוויי וואָכען, וואס זיי זענען געווען אין טשענסטאָכאָוו, פשוט געהונגערט, און די אדמיניסטראַציע פון טעאַטער האט דערלייגט פיעל געלד.

מיט וואס ערקלערט זיך דאס? אוודאי זענען פערהאַנען אַ סך סיבות: ערשטענס – האבען זיי נישט וואו צו שפּיעלען. ס'מאַכט זיך, אַז דער פייערלעשער-זאַל איז פּונקט שבת, ווען מען קאָן זיך ריכטען אויף א ביסעל ערפאָלג, מוזען די אַרטיסטען ליידיג-געהן, ווייל דער זאַל איז גראָד פערנומען. צווייטענס – האט די יודישע אינטעליגענץ, צווישען זיי אויך אונזערע פּאַניענקעס אָבגעמאַכט ביי זיך, אַז ס'וואָלט געווען פאַר זיי א גרויסע חרפּה צו בעזוכען אַ זשידאָווסקיע פּאָרשטעלונג. דריטענס, פירטענס – אָבער צו וואס אויסרעכענען אַלע סיבות – זיי פעהלען נישט; דער סך הכל איז אָבער אַ טרויעריגער, וואס איז אַזוי פיינליך און פערדרוסליך.

די יודישע אַרטיסטען, אַזוי ווי דאס גאַנצע יודישע פאָלק, זענען טאַקע זעהר פעהיג, פיינע מענשען, נאָר אַזוי ווי מיר יודען האבען ביי די אומות העולם, צווישען וועלכע מיר געפונען זיך, נישט קיין מזל, אַזוי אויך די יודישע אַרטיסטען. אויך זיי האבען ביי אונז גופא, צווישען יודען אַליין, נישט קיין מזל...

לויתן.

דער חזנים-קאָנקורס אין שטאָדט-שוהל.

נאכדעם ווי חזן באַדאַש האָט זיך בעזעצט אויף שטענדיג אין יאָהאַנעס-בורג, שטעהן מיר יעצט אין רעכטסען מיטען ווינטער פאַר א חזנים-פּרובע אין דער שטאָדט-שוהל. און עס איז ליהודים. עולם האָט א סענסאַציע, ווייל וואָס קאָן דען זיין בעסער, ווי הערען א גוטען חזן, און ווער שמועסט נאָך, אז עס קומט טאַקי א חזן, א צאַצקע, איז מען אין דער שוהל פשוט אויסגעשטעלט אויף סכנות נפשות. געפּרובט האָבען שוין דער קיעלצער חזן, דער זאַוויערטשער חזן און דעם פערגאנגענעם שבת האָבען מיר געהערט דעם זגיערזשער חזן ה' נתן וואַקס.

מיר מוזען אָפען זאָגען, אז ה' וואַקס, א חוץ קליינע דעפעקטען, בעזיצט אַלע מעלות צו זיין א ווירדיגער קאַנדידאַט אויף דער פריי-געוואָרענער שטעלע אין דער שטאָדט-שוהל. ה' וואַקס בעזיצט א שעהנע לירישע טענאָר-שטימע, וועלכע ער בעהערשט פולקאָם, האָט א שעהנעם פאָרטראַג, איז מוזיקאַליש, און דער עיקר העיקרים—ער בענוצט נישט דעם פּסיידאָ-פאַלצעט, פערדרעהט נישט דעם טעקסט, ווידערהאָלט נישט קיין פּסוק, נאָר זאָגט איהם אזוי ווי ער שטעהט אין סידור, האַלט זיך ביים יודיש-קלאַסישען רעפּערטואַר. עס איז אינטערעסאַנט, אז ה' וואַקס איז אויסגעפונען געוואָרען דורכ'ן בעקאַנטען מוזיק-קריטיקער מנחם קיפּניס, וועלכער האָט אמאָל אין זיינע רייזע-פעליעטאָנען, וועלכע האָבען זיך געדרוקט זיינער צייט אין „היינט“ בעשריבען די זגיערזשער מנגנים, אויך א סך פלאַץ געווידמעט דעם יעצטיגען זגערזשער חזן.

ה' וואַקס האָט שטודירט געזאַנג און שטימע-בילדונג ביים בעריהמטען פּראָפ. סאַווילסקי אין וואַרשא.

ווי געזאָגט שטעהן מיר ערשט אין רעכטען בּרען פונ'ם חזנים-קאָנקורס און מיר וועלען נאָך מן הסתם האָבען די געלעגענהייט צו הערען פערשידענע קאַנדידאַטען. און אָט צו די קומענדיגע חזנים קאַנדידאַטען האָבען מיר א הייס געבעט: זיי זאָלען למען השם נישט מאריך-זיין און גישט האַלטען דעם עולם צו לאַנג בעת'ן דאַווענען, ווייל א חזן אויף פּרובע דאַרף נישט ארויס-ווייזען מיט אמאָל דעם גאַנצען... פערשטעהט איהר מיך. און עס וועט זיין אי שעהן, אי גוט.

וואָלף שמידט.

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יודישען קאָמבאַטאַנטען-פעראיין.

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין לאָקאַל פון האנדווערקער-פעראיין פאָרגעקומען די 1-טע אַלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען קאָמבאַטאַנטען-פעראיין.

די פערזאַמלונג עפענט דר. ד. טאָר-בעטשקאָ אַלס פאָרזיצער פון דער צייטווייליגער פערוואַלטונג און גיט-איבער די סיבות, וועלכע האָבען גורם געווען צו דער ענטשטעהונג פון פעראיין. ער בעט צו בעעהרען דעם אָנדענק פון פערשטאָרבענעם מארשאַל פּילסודסקי דורך א מינוט שטילשווייגען.

אַלס פאָרזיצענדער ווערט אויסגעוועהלט פּראָפ. בראַנדלעוויטש, וועלכער פערבעט אין פּרעזידיום די ה"ה: קראַמאַלאָווסקי, זילבערשאַץ, לאַפּידעס און אַלס סעקרעטאר ה' פוקס.

עס ווערט ארויסגעשיקט א דעפעשע צום סטאַראָסטא ה' ראַנאַווסקי, אין וועלכער ס'ווערען אויסגעדריקט די האַלד-אויסדריקען פאַר'ן מלוכה-פּרעזידענט און דער רעגירונג.

דר. אָקסער האַלט א גלענצענדען רעפעראט וועגען דער ראָל פון קאָמבאַטאַנטען אין געזעלשאַפטליכען לעבען.

עס האַנדעלט זיך אין דעם — זאָגט דער רעדנער — אַז מענשען, וועלכע האָבען טריי געדיענט זייער פאָטערלאַנד, זאָלען בעדרופען אַנצופיהרען מיט דער געזעלשאַפט און האָבען אַן'איינפלוס אויף דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, מיט וועלכע אַלע דעצידירענדע פאַקטאָרען מוזען זיך רעכנען.

נאָר קאָמבאַטאַנטען קענען שאַפען די פריעדליכע הארמאָניע צווישען אַלע בירגער אין לאַנד.

150 יאָהר פון פערשקלאַפונג האָבען אונמעגליך געמאכט די צוזאַמענלעבונג פון אַלע בירגער. מיר קענען האָבען צוטרוי צו דער פּוילישער ברייטער געזעלשאַפט — צום פּוילישען געוויסען, ווייל די טראַדיציעס פון טאָלעראַנץ לעבען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט.

דאַן געהט איבער דער רעדנער צו דער ארץ-ישראל-פראַגע און ער זאָגט צוו. אנד.:

עס זענען אוועק די צייטען, ווען יודען, די בעסטע בירגער אין לאַנד האָבען געוואָלט אויסמיידען זייער אייגען נאַציאָנאַל-פּראָבלעם, דאָס לאָזט זיך היינט נישט נעגירען. קיין עהרליכער פּאָלאַק וועט היינט נישט גלויבען קיין יוד אויב ער וועט פערגעסען אין לאַנד פון זיינע אבות.

אין הארץ פון אייראָפּא איז געשעהן א פאַקט, וואָס האָט יעדען פון אונז געמאַכט וויי, דאָ זיין, דאָ קעמפען, דאָ ליעב האָבען אָבער דאָרט בויען, ווייל מיר ווייסען נישט וואָס די צוקונפט קען ברענגען. דאָס אַלץ האָבען מיר אויפגעשריבען אויף אונזער פאָהן.

די יודישע געזעלשאַפט וועט זיך אין אייך שפּיגלען און די פּוילישע — עהרען.

דאַן קומען פאָר בעגריסונגען.

אין נאָמען פון דער „פעדעראַציע פון מאַסטער-לאַנד-קעמפער“ בעגריסט ה' לאַבאַנאַ, אין נאָמען פון דער „נייער ציוניסטישער ארגאַניזאַציע“ — ה' לאַפּידעס, „ציוניסטען-רעוויזיאָניסטען“— ה' ל. קאַפּינסקי, „ברית-עבודה מנורה“— ד. ליבערמאַן און „ברית-החיל“ — ה. יאָזשאַמבעק.

ה' מ. כראָפּאָט גיט דערנאָך אָב א בעריכט וועגען דער טעטיגקייט פון דער צייטווייליגער פערוואַלטונג. ה' כראָפּאָט זאָגט, אַז דער פעראיין האָט אָנגעקניפּט בעציהונגען מיט יודישע פאַבריקאַנטען וועגען ארבייט פאַר מיט-גלידער. אויפ'ן קולטורעלען געביעט, וועמענס לייטער עס איז דער חשוב'ער ד"ר אָקסער איז פיעל געטהון געוואָרען. די לעקציעס האָבען עוטיילט פּראָפעסאָרען פון איינעגע גימנאַזיעס, פאַרוואָס ער דריקט זיי אויס דעם טיעפען דאַנק.

עס ענטוויקעלט זיך דאַן א דיסקוסיע, אין וועלכער עס נעמען אַנטייל די ה"ה: בולווא, כראָפּאָט, ד"ר אקסער, ד"ר טאָרבעטשקאָ, ראָזענבערג, קראַמאַלאָווסקי א. אנד.

עס ווערט אויסגעדריקט אַבסאָלוטאָריום דער אָבטרעטענדער פערוואַלטונג.

צום סוף לעזט פאָר ד"ר אקסער אַ פּראָטעסט-רעזאָלוציע געגען דער אנטיסעמיטישער פערווילדונג אין טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט, וועלכע מיר ברענגען בעזונדער.

אין דער פערוואַלטונג זענען „אָנבלאָק“ געוועהלט געוואָרען די ה"ה: ד"ר טאָרבעטשקאָ אַלס פּרעזעס, ד"ר אָקסער, פּראָפ. בראַנדלעוויטש, מ. כראָפּאָט, פּריי־ערמויער, י. ראָזענבלאַט, ש. ווײנריב, א. לובלינג, א. בעגדער, א. סאָשיגסקי, ה. יאָזשאָמבעק. אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע די, ה"ה: פוקס, רעדלינסקי און בליבוים.

ל. ק.

כוליגאַנעס פון הינטער קושעפּיץ בעפאַלען דאָס גערער שטיבעל און מורא'דיג צושלאָגען און צושטאָכען 3 אַלטע יודען אין וויעלון.

פון וויעלון טיילט מען אונז מיט:

מאָנטאַג האָט פּאַסירט א מורא'דיגער כוליגאַנישער אָנפאַל, וועלכער האָט געמאַכט אויפציטערען די גאַנצע שטאָדט.

א זייגער פיערטעל זעקס פאַרטאָגס, ווען ר' יומא שולדינגער איז געגאַנגען אין גערער שטיבעל אריין, זענען איהם בעפאַלען עטליכע שקצים און איהם שרעקליך צושלאָגען איבער'ן גאַנצען קערפּער, ווי אויך געמאַכט א בלוטיגע וואונד נעבען האַלז, וואָהרשיינליך מיט א מעסער.

דער צושלאָגענער איז געלאָפען מיט א געשריי אין שטיבעל אריין, וועלכענדיג זיך ראַטעווען פון די מערדערישע הענד, וועלכע האָבען איהם נאָך אַלץ נישט אָבגעלאָזט, נאָר נאָכגעלאָפען און אויך אריינגעריסען זיך אין גערער שטיבעל אריין. דאָרט האָבען זיך שוין געפינען ר' יוסף בוימאַק, ר' העניך לעווי און ר' העניך יאָכימאָוויטש, וועלכע זענען געזעסען און געלערנט. די כוליגאַנעס האָבען זיך דאָן געוואָרפען מיט מעסער'ס אויף די אַלטע יודען.

דער ערשטער קרבן איז געווען יוסף בוימאַק, וועלכער האָט בעקומען מיט א מעסער אין קאָפּ און זיך בעגאָסען מיט בלוט.

נאָר א דאַנק דעם, וואָס דאָס מעסער האָט געטראָפען אין טאַוועל פון היטעל, האָט זיך די וואונד ארויסגעוויזען פאַר נישט-געפעהרליך.

די איבעריגע האָבען זיך געפּרובט ראַטעווען דורך ענטלויפען. ר' העניך לעווי האָט זיך אויסבעהאַלטען אויפ'ן הויף, דאַגעגען יאָכימאָוויטש, וועלכער איז געלאָפען אין דער ריכטונג פון דער גאַס, האָבען די כוליגאַנעס מורא'דיג צושטאָכען, מאַכענדיג איהם 2 טיעפע וואונדען אין רוקען און 2—אין קאָפּ, אויסער וואָס זיי האָבען איהם געשלאָגען מכות-רצח און געקאָפּעט מיט די פיס, אומוואָרפענדיג אויף דער ערד. די כוליגאַנעס האָבען איהם אָבגעלאָזט ערשט, ווען ער איז שוין געלעגען אין אָהנמאַכט, נישט קענענדיג מעהר שרייען, רעכנענדיג, אז זיי האָבען איהם דער'הרג'עט.

א שווער פערוואונדעטען און א פער'חלש'טען האָט מען יאָכימאָוויטשען געברענגט אַהיים, וואו דעם ד"ר וועלטמאַן צוזאַמען מיט'ן פעלדשער זעלטען איז נאָך גרויס מיה, געלונגען צו שטעלען דאָס בלוט, וואָס איז קוואָרטענווייז אָבגעגאַנגען אום צו פערבאַנדאַזשירען די וואונדען. זיי האָבען איהם אויך געמאַכט 2 איינשפּריצונגען אונטער דער הויט, כדי צו דערהאַלטען דאָס הארץ און צו פערהיטען פאַר קאָמפּליקאַציעס.

די זעלבע כוליגאַנעס האָבען אויך אויסגעהאַקט מיט שטיינער די שויבען אין בית-המדרש.

דער פּאָליציי איז געלונגען צו כאַפּען די אויסוואורפען, וועלכע האָבען זיך ארויסגעוויזען אַלס די 3 ברידער פון דאָרף דאַנקיעוויטש הינטער קוזשעפּיץ מיט די נעמען יוזעף, יאַן און פיאָטר יאַקין אין עלטער פון 17 ביז 29 יאָהר.

די שלשה אחים זענען געבערענגט געוואָרען אין דער וואוינונג פון ה' יאָכימאָוויטש, וואו זיי זענען געשטעלט געוואָרען פאַר א קאָנפראָנטאַציע מיט'ן געליטענעם, וועלכער האָט אין זיי דערקענט די אָנפאַלער.

די דאָזיגע כוליגאַנעס זענען געווען געסט פון דער חתונה ביים בית-המדרש-סטרוזש יוזעף אַנדרזעיעווסקי. די אַרעסטירטע זענען געוואָרען איינגעזעצט אין תפיסה, און זיי וועלען ווערען גע'משפט דורכ'ן קאַלישער קרייז-געריכט פאַר שווערע קערפּערליכע בעשעדיגונג און פאַר פּראָפּאַנאַציע.

ווי עס איז געוואָרען פעסטגעשטעלט געהערען די אויבענדערמאַנטע כוליגאַנעס צו דער ענדעקישער פאַרטיי אין זייער קרייז.

דער שטרייק אין דער שניידער-מאַגאַזין-בראַנזשע דויערט ווייטער.

ווי מען טיילט אונז מיט, דויערט ווייטער דער שטרייק אין דער שניידער-מאַגאַזין-בראַנזשע.

ביז-איצט איז נאָך נישט אונטערגענומען געוואָרען קיין אַקציע דעם שטרייק צו ליקווידירען.

אָבטוּנג „ושוב“!

שבת, דעם 15-טען לויט 6 א זייגער אָוועגד וועט פאָרקומען אין לאָקאַל פון דער יודישער קהלה דער נעכסטער רעפעראַט פון אונזער קולטור-סעקציע. די אָנוועזענהייט פון אַלע מיטגלידער איז נויטיג.

יעקב פאַט אין טשענסטאָכאָוו.

זונטאג, דעם 23-טען ד.ח. וועט דער בעריהמטער רעדנער און זשורנאַליסט יעקב פאַט נאָך זיין לעצטע רייזע אין ראַטען-פערבאַנד האַלטען אין פייערלעשער-זאַל א פאָרלעזונג א. ד. ט. „יודען אויפ'ן מזרח און מערב“.

די פּערזאָן פון רעפערענט און די זעהר אינטערעסאַנטע טעמא האָט ארויסגערופען אין שטאָדט א גרויסע פעראינטערעסירונג.

די קליינע צאָהל בילעטען פון 49 גראָשען שוין צו בעקומען אין דער געז. „קולטור-ליגע“, אַלעע 12.

פון בע"ם

היינט, פרייטאג, דעם 14.2 7.30 אָוועגד קומט פאָר א קאָלעקטיווער רעפעראַט פון די ה"ח: יאקובאָוויטש און קרויזע א. ד. ט.: „ד"ר מאַקס נאָרדוי, זיין לעבען און שאַפען“.

שבת, דעם 15.2 3.30 קומט פאָר א רעפעראַט א. ד. ט.: „פּראָבלעמען צו דער רעוויזיאָניסטישער 7-טער לאַנדעס-קאָנפערענץ“.

יעדען זונטאג קומען פאָר רעפעראַטען פון ח' ח' ד. ליבערמאַן אויף פערשידענע טעמעס.

וואָס גיט די 35-טע מלוכה-לאָטעריע?

מיר זענען אריין אין פּעריאָד פון דער 35-טער מלוכה-לאָטעריע. די ציהונג פון דער 1-טער קלאַס פון דער לאָטעריע הויבט זיך שוין אָן דעם 20-טען ה. מ. עס איז אַלזאָ בדאי איבערצוקוקען דעם דעם פּלאַן און פערטראַכטען זיך איבער דעם, וואָס פאַרא נוצען ער ברענגט די שפּילער.

אין הסכם מיט'ן שטענדיגען ווילען צו פערבעסערן די בעדינגונגען, אין וועלכע עס קומט ביי אונז פאַר די לאָטעריע-שפּיל, האָט די גענעראַל-דירעקציע פון דער מלוכה-לאָטעריע אויך דאָס מאָל איינגעפיהרט געוויסע ענדערונגען, וועלכע וועלען זיך אין דער פּראַקטיק ארויסווייזען פאַר זעהר געוואונשענע פאַר די שפּילער. עס האַנדעלט נעמליך זיך, קודם-כל אין די אזוי גערופענע „סעריע-געווינסען“.

ביז-יעצט — ווי עס איז בעוואוסט — איז אין דער 4-טער קלאַס, נאכ'ן פערענדיגען די נאָרמאַלע ציהונג, וועלכע איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן הויפּט-געווינס אין דער סומע פון מיליאָן זל. איז אין משך פון 3 טעג אויך פארגעקומען די ציהונג פון די „50-ער זל.“, די אזוי גערופענע „טרייסט-געווינסען“.

אָנהויבענדיג פון דער 35-טער לאָטעריע וועלען די געווינסען אין דער צאָהל פון 19.500 אנערקענט ווערען די אַלע צעטלען פון דער 4-טער קלאָס, וועמענס נומערן עס ענדיגען זיך מיט דער זעלבער ציפער, ווי עס וועט זיך ענדיגען דער נומער פון צעטעל, אויף וועלכען עס וועט דעם 25 מאַי ה.י. פאַלען דאָס הויפּט-געווינס—א מיליאָן זלאָטעס. אויב אבער אויף אזא צעטעל איז שוין געפאַלען — פאַר, אדער נאָך דער ציהונג פון מיליאָן — א וועלכע עס איז אַנדער געווינס, וועט די 50 זל. ערהאַלטען דאָס צעטעל מיט'ן בעשטימטען העכערן נומער, אויף וועלכען עס איז קיין שום געווינס נישט געפאַלען. די זעלבע סומע וועט אויך דערהאַלטען דאָס צעטעל מיט'ן נאָהנסטען העכערן נומער פון דעם נומער, אויף וועלכען עס וועט פאַלען דער מיליאָן זל. אויב אבער עס איז אויך אויף דעם לעצטען נומער געפאַלען א געווינס, וועט די 50 זל. דערהאַלטען דער נאָהנסטער העכערער נומער.

חוץ דעם מיליאָן, וועלכער איז דאָס הויפּט-געווינס פון דער 4-טער קלאָס און ממילא אויך פון דער גאַנצער לאָטעריע, בעזיצט יעדע קלאָס איהרע אייגענע הויפּט-געווינסען צו 100.000 זל. יעדע.

אין דער 1-טער קלאָס איז איין הויפּט-געווינס, אין דער 2-טער — צוויי, אין דער דריטער — דריי; אין דער 4-טער הערען זיי, וואָס אָנ'אמת, אויף צו ווערען הויפּט-געווינסען, אבער זייער צאָהל ווערט פערגרעסערט ביז פיער. ווייטער זענען פערהאַן געווינסען צו 50.000 זל., 30.000 זל., 25.000 זל., 20.000 זל., 10.000 זל., 5.000 זל., 2.000 זל., 1.000 זל. און הונדערטער און טויזענדער קלענערע. אין אַלגעמיין איז אין דער ערשטער קלאָס פערהאַן 13.000 געווינסען אויף דער סומע פון 1.418.700 זל. אין דער 2-טער קלאָס — 10.000 געווינסען אויף דער סומע פון 1.712.750 זל. אין דער 3-טער קלאָס — 8.000 געווינסען אויף דער סומע פון 2.120.050 זלאָטעס און אין דער 4-טער קלאָס — 75.164 געווינסען אויף דער סומע פון 18.910.200 זל.

אומאָבהענגיג פון די 4 ציהונגען צו יעדער בעזונדערער קלאָס, איז לויט'ן מוסטער פון דער „גוויאַזדקע“-ציהונג און פּסח-ציהונג, אין דער 35-טער לאָטעריע איינגעפיהרט געוואָרען א אומזיסטע צוגאָב נאָך-פּעריען-ציהונג.

דעם 27-טען אויגוסט וועט ארויסגעצויגען ווערען 2.000 געווינסען אויף דער סומע פון 408.300 זל.; דאָס גרעסטע געווינס בעטרעפט 20.000 זל.

די געווינסען פון דער נאָך פּעריען-ציהונג וועלען ארויסגעצויגען ווערען פון די נומערן, וועלכע זענען פערבליבען אין ראָד נאכ'ן פערענדיגען די ציהונג פון דער 4-טער קלאָס. די געווינסען וועלען אנערקענט ווערען אויסשליסליך די נומערן, אויף וועלכע עס זענען נישט געפאַלען קיין סעריע-געווינסען.

ווי מיר זעהען שטעלט מיט זיך פאָר דער פּלאַן פון דער 35-טער לאָטעריע אַלס א זעהר צוציהענדער פאַר אַלע, וועלכע וועלען אין איהם אנטיילנעמען.

ETERIT

Doskonały odbiornik o niskiej cenie i dogodnych warunkach.

Żądajcie bezpłatnych pokazów.

Salony demonstracyjne:

Optyk Medical — Aleja 31

World-Radio — Aleja 24, tel. 25-75

ZAWIADOMIENIE.

Niniejszem podajemy do ogólnej wiadomości, że p. ANSZEL BORZYKOWSKI przestał być naszym subkolektorem i od początku 35-tej loterji niema nic wspólnego z naszą kolekturą, wobec czego prosimy wszystkich naszych klijentów o bezpośrednie zwracanie się do kolektury

S. Hafftka i S. Borzykowski

Aleja 2. Telef. 19-13.

Oddział: ul. Warszawska № 9.

נ'שט - געלונגענע אַטענטאַטען אויף יודישע געוועלבער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן ווארפען א פעטאַרדע אינ'ם געשעפט פון ה' ראַס־מיל, ווערען מיר געוואויר פאָלגענדע פרטים:

מיטוואָך 7 א זייגער אין אָוונט האט זיך אין קאָלאָניאַל־געוועלב פון ה' ראַס־מיל פלוצים בעוויזען אנ'אונבעקאַנטער יונגערמאַן אין א ציקליסטען־היטעל און אין דער אָנוועזענהייט פון די דערשראָ־קענע איינענטימער גענומען האַקען אין דער שטיינערנער פאָדלאָגע מיט א קיילעכדיגען אייזערנעם כלי, וואָרשיינ־ליך א שטינק־באָמבע.

ס'האט זיך געשאַפען א געפעהרליכע סיטואַציע, ווייל די עקספּלאָזיע וואָלט, אָהן ספק, פערניכטעט די גאַנצע סחורה אין געוועלב. דער פּלאַן האט זיך אבער נישט איינגעגעבען דעם יונגען אַטענ־טעטער, וואס איז בעת'ן פרוב ארויסצו־רופען דעם אויפרייס, געווארען פער־האַלטען דורך איינעם פון די מיטאַינ־האָבער, וועלכער האט אויך בעוויזען די פעטאַרדע ארויסצוואַרפען אין גאַס, וואו זי איז אויף א געהיימניספולען אופן פערשוואונדען.

דער פערהאַלטענער האט זיך ארויס־געוויזען אלס דער 19־יעהריגער סטאַ־ניסלאוו קוטשוואַלסקי (אָגראָדאָווא 61). גלייכצייטיג איז אויך געווארען אַרעס־טירט איינער פון זיינע וואָרשיינליכע מיטהעלפער.

אויפ'ן אָרט פון פאַרפאַל איז גלייך אראָבגעקומען דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט טשעשעלסקי און לייטער פון אויספאָר־שונגס־אַמט פאַדקאָמ. קאָסטירקאָ.

די אויספאָרשונג האָב בעוויזען, אַז קוטשוואַרסקי געהער צו דער ענדעקי־שער פּאַרטיי, וואו ער האָט ערשט לעצ־טענס געענדיגט אנ'אינסטרוקטאָרען־קורס און בעת דער רעוויזיע אין לאָקאַל פון דער ענדעקישער פּאַרטיי דינסטאג אין אָוונט איז ער געווארען פערהאַלטען, אבער דערנאָך צוריק בעפריים געווארען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן דאזיגען נישט־געלונגענעם אַטענטאַט זענען אויך געווארען ארעסטירט נאָך עטליכע פער־זאָן אונטער'ן חשד פון צוהעלפען קוטש־וואַלסקי'ן.

מיטוואָך, 7 א זייגער אין אָוונט, ד. ה. אין זעלבען טאָג און שעה, ווען ס'איז געווארען אויסגעפיהרט דער אַטענטאַט אויפ'ן געוועלב פון ה' ראַס־מיל, האט אַנ'אונבעקאַנטער פערברעכער אריינגעוואָרפען א פערדעכטיג פעקיל אין גלאָז־געשעפט פון ה' שפּיגעלמאַן, אלעע 14.

צום גליק האט אויך אין דעם פאַל דער אייגענטימער בעצייטענס בעמערקט דעם כוליגאַנישען פרוב און דאס פער־דעכטיגע פעקיל ארויסגעוואָרפען.

פּאָליציי האט זיך מיט דעם ענין פערנומען און ווי מ'טיילט מיט איז געלונגען צו ענטדעקען דעם פערברע־כער, וועלכער איז אויך געווארען אַרעסטירט.

אויסגעהאַקט שויבען אין דער געביידע פון יודישען גימנאַזיום.

אין דער נאַכט פון דינסטאג אויף מיטוואָך האבען נישט ענטדעקטע כולי־גאַנעס מיט שטיינער אויסגעהאַקט 6 שויבען אין דער ווערקשטעל פון קונסט־מאָלער פראָפ. פרץ ווילענבערג, וועלכע געפינט זיך אין דער געביידע פון יודי־שען געזעלשאַפטליכען גימנאַזיום אויף דאָמבראָווסקי־גאַס, געגענאיבער דער פ. ק. או.

דיזעלבע שטיינער האבען אויך גע־מאַכט א גרעסערן שאָדען אין דער ווערקשטעל פון ה' ווילענבערג.

פון דער נ. צ. אָ.־בעוועגונג.

דער פּראָקלאַמירטער בית"ר־חודש, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו ווער־בירען נייע מיטגלידער פאַר'ן בית"ר, ווי אויך צו פערשפּרייטען דעם בית"ר'י־שען געדאַנק צווישען דער יודישער יוגענד האט זיך אָנגעהויבען פאָריגע וואָך.

ביז איצט זענען שוין צו דעם צוועק ערשינען איינינע בראָשורען ווי אויך א ספּעציעלע צאָהל גומערן פון יודיש־העברעאישען אָרגאַן „המדינה".

די לעגיטימאַציע וואָהל־אַקציע צו דער 7־טער רעוויזיאָניסטישער קאָנפע־רענץ איז פערלענגערט געווארען ביז'ן 18־טען ד. ח. אלע מיטגלידער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע מוזען דורכאויס אויסקויפען די לעגי־טימאַציעס, אין געגענפאַל וועלען זיי נישט האבען קיין וואָהל־רעכט צו דער קאָנפערענץ.

דעם 22־טען ד. ח. עפענט זיך אין ווארשא דער 2־טער אַלפּוילישער צו־זאַמענפאָהר פון „ברית החיל". צו דער קאָנפערענץ פון החיל קומט ספּעציעל צופאָהרען פון לאָנדאָן פּרעזידענט זשאַ־באָטינסקי. די קאָנפערענץ גרייט צו שוין זייט א לענגערע צייט דער גענ. סעקרעטאַר פון דער חיילישער וועלט צענטראַלע צ. ח. וואַקסמאַן.

די היי־יעהריגע ערשטע חמשה־עשר־אַקציע פון קרן תל חי איז ערפאָלגרייך אדורכגעפיהרט געווארען און געבראַכט א גרעסערן סכום לטובת דעם קרן־תל חי.

צו די קאָנפערענצען פון: החיל, הצה"ר און בע"פ פאהרט די קומענדע וואָך ארויס א גרעסערע דעלעגאַציע פון טשענסטאָכאָוו, וועלכע וועט אַנ־טיילנעמען אין די אלע קאָנפערענצען.

נדבות פאַר דער געזעלשאַפט „תומכי עניים".

ה' איטשע רואַנשינסקי צוליב זיין געזונד ווערען 20 קילאָ ברויט.

ה' ב. באָטשאַן צו דער יאהרצייט פון זיין מוטער 20 קילאָ ברויט.

ה' י. אופּנער און פרוי צו זייער זילבערנער חתונה 10 קילאָ ברויט.

ה' מ. שעפּטעל און פרוי צוליב דעם געזונד ווערען פון זייער זוהן 10 קילאָ ברויט.

ה' יצחק איצקאָוויטש צו דער יאהר־צייט פון זיין פאָטער 8 קילאָ ברויט.

ה' אברהם ראָזענבלאַט 12 קילאָ ברויט.

מו"צ ר' יוסף קליינפּלאַץ 4 קילאָ ברויט.

געשאַפען אַ קאָמיטעט צום אַלוועלט־ליכען קאָנגרעס פון יודישע דאָק־טוירים אין ארץ־ישראל.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אַלוועלטלי־כען קאָנגרעס פון יודישע דאָקטוירים, וואס וועט פאָרקומען אין חודש אַפּריל אין תל־אביב איז אין טשענסטאָכאָוו אויף א פערזאַמלונג אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט „טאָז" געוואָרען גע־גרינדעט א לאָקאַלער קאָמיטעט, וועל־כער האט זיך קאָנסטיטואירט פאָלגענד: פּרעזעס — דר. סטעפאַן קאָן, סעקרע־טאַר — דר. וויזענפעלד, מיטגלידער: דר. טאָרבעטשקאָ, דר. רוס און דענטיסט גרין.

אַ גרויסער רעפעראַט פון דר. יוסף קרוק צום 70־יעהריגען יובל פון ראָמען ראָלאַנד.

היינט, פרייטאג, דעם 14 פעברואַר ד. י. 8 א זייגער אָוונט וועט אין זאַל פון פייערלעשער דער בעקאַנטער אַר־בייטער־טהוער דר. יוסף קרוק האַלטען א רעפעראַט אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן יובילייַ פון גרויסען שרייבער ראָמען ראָלאַנד א. ד. ט. „ראָמען ראָלאַנד און מאַקסים גאָרקי".

לויט דעם אינהאַלטסרייכען קאָנספּעקט זאגט צו די פאָרלעזונג צו זיין אינטע־רעסאַנט און אַקטועל און ס'איז דערי־בער אָהן ספק, אַז צוליב דער וויכטיגער טעמע און פּאָפּולערקייט פון פרעלעגענט וועט דער רעפעראַט אדורך מיט גרויס ערפאָלג.

די זעלבע רעפעראַטען זענען געהאַל־טען געווארען אין א גאַנצע רייהע גרע־סערע שטעדט, ווי ווארשא, לאָדז, וויל־נע, ביאַליסטאָק, לובלין א.א. און זענען אדורך מיט אַנ'אונגעהויערען גרויסען ערפאָלג.

די פאָרלעזונג ווערט איינגעאָרדענט דורך דער אלגעמיינער ארבייטער־ביב־ליאָטעק.

די אלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געז. הכנסת־כלה.

פערגאַנגענעם זונטאג איז אין איי־גענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די יעהרלי־כע אלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער געז. הכנסת־כלה.

די פערזאַמלונג עפענט פּרעזעס וועל־גרין. דעם פאָרזיץ פיהרט זעליג בראַט, אלס בייזיצענדע — פאַרטשיצקי און דזיאַלאָשינסקי, סעקר. — א. פייעס.

דעם טעטיגקייטס־בעריכט גיט אָב ה' וועלגרין, וועלכער שטעלט זיך אָב אויף דער קריטישער לאַגע אין וועל־כער די אינסטיטוציע געפינט זיך און דאס דערפאַר, ווייל די בעמיטעלטע יודען פעראינטערעסירען זיך נישט מיט דער אינסטיטוציע.

נאָך א קורצע דיסקוסיע אין וועלכער עס נעמען אנטייל די ה"ה: עקשטיין, בירנבוים, פוקס א. אנד. ווערט דער בעריכט גענומען צו קענטניס און דער אבטרעטענדער פערוואַלטונג ווערט אויסגעדריקט אַבסאָלוטאָריום.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 1150 זל. ווערט אָנגענומען.

אין דער פערוואַלטונג ווערען אויס־געוועהלט די ה"ה: ישראל וועלגרין, מ. י. עקשטיין, י. ב. בירנבוים, מ. פוקס, ז. קרשעפּיצקי, א. פייעס און פ. קרזשעפּיצקי. פערטרעטער: דזיאַלאָ־שינסקי און ישראל טענענבערג רעווי־זיאָנס־קאָמיסיע: יונתן איזריילאָוויטש. ל. ניסקי און ח. בייהילפער.

אינטערעסאַנטער באָקס־מעטש מיט'ן אַנטייל פון ראָטהאָלצ'ן.

זונטאג, דעם 16־טען ד.ח. 6 א זייגער אין אָוונט וועט אין זאַל פון דער „בריגאַדאָ" אויף פּולאַסקי־גאַס פאָרקו־מען א באָקס מעטש צווישען דער היגער „בריגאַדאַ" מיט'ן ווארשאווער יודישען ספּאָרט־קלוב „גוויאַזדאַ".

אין די רייהען פון „גוויאַזדאַ" קעמפט, ווי בעוואוסט, דער פּאָפּולערסטער פּוילי־שער באָקסער ראָטהאָלץ, וועלכער ווערט נאָכ'ן אנטייל אין די פיעל אינטער־נאַציאָנאַלע באָקס מעטשען, פערעכענט אלס דער מייסטער פון אייראָפּאַ.

ראָטהאָלץ וועט אויך אנטיילנעמען אינ'ם זונטאג'דיגען מעטש אין טשענ־סטאָכאָוו, אַזוי, אַז מיר וועלען האבען די געלעגענהייט צו זעהן דעם ערשט־קלאַסיגען באָקסער, וועגען וועלכען די ספּאָרט־פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט דריקט זיך אויס מיט ענטציקונג.

די לייטונג פון דער „בריגאַדאָ" בעט אונז גלייכצייטיג אויפמערקזאַם צו מאַ־כען, אַז ס'זענען אונטערגענומען געוואָ־רען די געהעריגע שריט, כדי די אָרד־נונג און זאַל, ווי אויך אויסער'ן זאַל, זאָל נישט געשטערט ווערען.

דאַמען־מאַנשאַפט פון „מכבי" אויפ'ן צווייטען אָרט.

אין דעם טורניר וועגען בעכער פון פוילישען ספּאָרט־שפּילען־פערבאַנד האט די דאַמען־מאַנשאַפט פון „מכבי" פערנו־מען אין טשענסטאָכאָוו דאס 2־טע אָרט נאָך דעם 4 ס. מ. פ.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער פוטבאָל־סעקציע ביים „מכבי".

שבת, דעם 15 טען ד.ח. 3 נאָכמיטאָג קומט פאַר די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער פוטבאל סעקציע אין אייגענעם לאָקאַל. אויפ'ן טאָג־אָרד־נונג: בעריכט און וואַהלען פון א פוט־באל־לייטונג.

הילפס־קאַסע ביים יודישען שניידער־צעך.

שבת, ד. 15 לוטי 1936 י. קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל, אלעע 12

דער טראַדיציאָנעלער פאַמיליען־אָווענד

הערליכער אָרקעסטער — ביליגער בופעט — פערשיעדענע אַטראַקציעס.

אָנהויב 8.30 אָוונד.

Zastępca:

H. NORYMBERSKI Częstochowa, Aleja 38.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי „BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אנ'אבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע־שולע אין ווארשא מיט לאַנג־יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש ריינינען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן,
4) וואַשען שטייפע מענער־וועש מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל־גלאַנץ.

די פרייזען בעדייטענד ערניזשריגט.

KINO „EDEN".

היינט און ווייטערע טעג !

MADAME DUBARRY
(Królewska Faworyta)

גרויסע, אימפּאָנירענדע היסטאָרישע וויזיע מיט דער גענישלער

דאָלאָרעס - דעל - ריאָ

אין דער טיטול־ראָל.

איבער'ן פּראָגראַם — אַ גראָטעסקע.

Kino „LUNA"

אויפ'ן אַלגעמיינעם פערלאַנג פון פּוב־ליקום די לעצטע 2 טעג.

אַדאָלף דימשא

אין דער פרעהליכסטער קאָמעדיע

DODEK na froncie



Szkoła tańców baletm. Kosteckiego

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze (indywidualne) codziennie.

Rewelacja taneczna: TANIEC „CONTINENTAL"

אַכטונג: יעדען שבת קומט פאַר א פערייוודישע געזעלשאַפט. אנהויב 8 אזי. 1־קלאַסיגע מוזיק

12 גר. קאָסט קראַגענס מיט 50 גר. קאָסט א העמד

ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס 2) דעטאַשירען

FARBIARNIA i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

Redaktor i wydawca: B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja 6